# לב שומע

תמצית שיעורים אויף די פרשה

פון הרה"ג רבי שמעיה לעוו שליט"א

דומ"ץ דקהל יטב לב ד'סאטמאר

אידיש

## פרשת נצבים - ראש השנה

לעילוי נשמת

הרה"ח מקים עולה של תורה

ר' ישעי' זאב בן הרה"ח ישראל ישכר זלה"ה

ראש הקהל דקהל יטב לב סאטמאר - לאנדאן

ניתן לשמוע השיעורים ב'קול הלשון'
020 81917000
[ex3,1.11.1]

'שגיאות מי יבין' - אי אפשר לבר בלא תבן
בבקשה, המוצא שגיאה כלשהוא יואיל להודיע
למו"ל למען יתוקן אי"ה

להערות והארות ולקבלת הגליון יש לשלוח לאימעל
levshomeya@gmail.com

סדר ועימוד: א. י. גרינוואלד 054-8494370 (972)

# תוכן הענינים

## פָּרָשַׁת נִצָּבִים


**שַׁבָּת - הַכָנָה צוּם נֵייעֶם יָאר** ........ ד

☆ אַלֶע הַשְׁפָּעוֹת קוּמֶען פוּן שַׁבָּת - כִּי הִיא מְקוֹר הַבְּרָכָה ☆ תְּשׁוּבָה טוּן אִין דֶעם שַׁבָּת ☆ דֶער אוּנטֶערשְׁטֶער שַׁבָּת פוּן דֶער יָאר ☆ כְּבוֹד שָׁמַיִם


## רֹאשׁ הַשָּׁנָה


**חֶדְוַת ה' הִיא מָעֻזְּכֶם** ........ ז

☆ רֹאשׁ הַשָּׁנָה - אַ פְרֵיילִיכֶער טָאג ☆ דֶער אוּנְטֶערְשֵׁייד צְווִישְׁן אַ אִיד מִיט אַ גוֹי ☆ בְּשִׁמְךָ יְגִילוּן כָּל הַיּוֹם ☆ יוֹם חַגֵּנוּ ☆ רַחֲמֵנוּ כְּרַחֵם אָב עַל בָּנִים ☆ אֶבְרַח מִמְּךָ אֵלֶיךָ - מֶען לוֹיפְט צוּם בַּאשֶׁעפֶער

**אַלֶעס אִיז גֶעוָואנְדֶען אִין דִי טֶעג** ........ יב

☆ שְׁלֹשָׁה סְפָרִים נִפְתָּחִים ☆ דִי שִׁיטָה פוּן תּוֹסְפוֹת אִין דִי מַאֲמָר פוּן רֶבִּי כְּרוּסְפְּדָאִי ☆ דִי שִׁיטָה פוּנֶעם רַשְׁבָּ"א - רִיטְבָ"א אִין דִי וֶוערְטֶער פוּן רֶבִּי כְּרוּסְפְּדָאִי ☆ דִי דִין פוּן דִי בֵּינוֹנִים בְּלֵייבְּט אוּמְבַּאשְׁטֶעטִיגְט בִּיז יוֹם הַכִּיפּוּרִים ☆ וָואס מֵיינְט דָאס אַ 'בֵּינוֹנִי'

# פָּרָשַׁת נִצָּבִים

## שַׁבָּת – הַכָנָה צוּם נֵייעֶם יָאר

☆ אַלֶע הַשְׁפָּעוֹת קוּמֶען פוּן שַׁבָּת - כִּי הִיא מְקוֹר הַבְּרָכָה ☆ תְּשׁוּבָה טוּן אִין דֶעם שַׁבָּת ☆ דֶער אוּנְטֶערשְׁטֶער שַׁבָּת פוּן דֶער יָאר ☆ כְּבוֹד שָׁמַיִם

### אַלֶע הַשְׁפָּעוֹת קוּמֶען פוּן שַׁבָּת - כִּי הִיא מְקוֹר הַבְּרָכָה

**אַתֶּם נִצָּבִים 'הַיּוֹם' כֻּלְּכֶם וכו'** (כט ט)

**עֶס** שְׁטֵייט אִין זֹהַר הַקָ' (פר' פִּנְחָס דף רלא.) **בְּכָל אֲתַר וַיְהִי הַיּוֹם דָא רֹאשׁ הַשָּׁנָה"** וואוּ ס'שְׁטֵייט "הַיּוֹם" מֵיינְט עֶס רֹאשׁ הַשָּׁנָה. עֶס שְׁטֵייט אִין דִי סְפָרִים הַקְּדוֹשִׁים בַּאזִירְט אוֹיף דֶער כְּלָל פוּן דִי זֹהַר הַקָ' אַז דֶער פָּרָשָׁה אִיז מְרַמֵּז אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה, דֶער פָּסוּק זָאגְט אוּנְז **אַתֶּם נִצָּבִים הַיּוֹם** אוֹיף דֶעם טָאג – רֹאשׁ הַשָּׁנָה – טוּט מֶען אוּנְז אַלֶע שְׁטֶעלְן צוּם מִשְׁפָּט, אוּן דֶער אֵייבֶּערשְׁטֶער אִיז אוּנְז דָן פַאר'ן קוּמֶענְדִיגֶע יָאר.

**דֶער** בְּאֵר מַיִם חַיִּים עֶרְקְלֶערְט דֶעם עִנְיָן, לוֹיט וָואס עֶס שְׁטֵייט אִין שֻׁלְחָן עָרוּךְ (אוֹרַח חַיִּים סימן ת"ל) אַז דֶער שַׁבָּת בֶּעפָאר פֶּסַח וֶוערְט אָנְגֶערוּפְן "שַׁבָּת הַגָּדוֹל" אַלְס אַ זֵכֶר צוּ דֶעם נֵס וָואס הָאט דֶעמָאלְטְס פַּאסִירְט מִיט דִי אִידְן.[א] כָאטְשׁ דֶער נֵס פוּן דִי מִצְרִים אִיז גֶעוֶוען אוֹיף י' נִיסָן וָואס פַּאלְט נִישְׁט אוֹיס יֶעדֶער יָאר אוֹיף שַׁבָּת, נָאר דָאס אִיז צוּלִיב דֶעם וָואס דִי הַשְׁפָּעוֹת פוּן דֶער קוּמֶענְדִיגֶע וָואךְ, קוּמְט אַרָאפּ אוֹיף שַׁבָּת, אַזוֹי וִוי עֶס שְׁטֵייט אִין זֹהַר הַקָ' (בראשית דף פח.) **כָּל בִּרְכָאִין דִלְעֵילָא וְתַתָּא בְּיוֹמָא שְׁבִיעָאָה תַּלְיָין, וכו' מִשּׁוּם דְּהַהוּא יוֹמָא מִתְבָּרְכָאָן מִנֵּיהּ כָּל שִׁיתָּא יוֹמִין עִלָּאִין, וְכָל חַד וְחַד יָהִיב מְזוֹנָא לְתַתָּא מֵהַהִיא בְּרָכָה דְמִתְבָּרְכָאָן בְּיוֹמָא שְׁבִיעָאָה** אַלֶע הַשְׁפָּעוֹת וָואס קוּמֶען אַרָאפּ בְּמֶשֶׁךְ דֶער וָואךְ אִיז גֶעוָואוּנְדְן אִין דֶער שַׁבָּת פְרִיעֶר, אִין אוּם שַׁבָּת קוֹדֶשׁ וֶוערְט גֶעבֶּענְטְשׁ דִי גַאנְצֶע

---

**א.** אלס א זכר צו דער נס וואס האט פאסירט אין דעם טאג, ווען אלע אידן האבן צוגעבינדן א שעפסל צו זייערע בעט, וועלכע זיי האבן דערנאך גענוצט פאר דער קרבן פסח, וואס דער שעפעלע איז דאן געווען דער עבודה זרה פון די מצרים, און זיי האבן נישט געקענט טשעפענען די אידן. די פוסקים פרעגן פארוואס האט מען קובע געווען צו מאכן א זכר צו דער נס אויף שבת הגדול, אין נישט אין דער דאטום וואס עס האט פאסירט אויף י' ניסן, פיר טעג פאר'ן שחט'ן דער קרבן פסח.

קוּמֶענְדִיגֶע וָואךְ, קוּמְט אוֹיס לוֹיט דֶעם, אַז דֶער נֵס וָואס הָאט פַּאסִירְט אִין מִצְרַיִם אִינְמִיטְן דִי וָואךְ, אִיז נִשְׁפַּע גֶעוָוארְן פוּן דֶער שַׁבָּת קוֹדֶשׁ פְרִיעֶר, וֶועגְן דֶעם רוּפְן מִיר דָאס שַׁבָּת הַגָּדוֹל צוּלִיבּ דֶעם וָואס דֶער עִיקָר נֵס אִיז שׁוֹין גֶעקוּמֶען אִין שַׁבָּת קוֹדֶשׁ.

## תְּשׁוּבָה טוּן אִין דֶעם שַׁבָּת

**דִי** אַלֶע גוּטֶע הַשְׁפָּעוֹת פוּן רֹאשׁ הַשָּׁנָה קוּמְט שׁוֹין אַרָאפּ אִין שַׁבָּת אֵיידֶער רֹאשׁ הַשָּׁנָה, וְאֵין בִּפְרָט אֶלָּא מַה שֶּׁבִּכְלָל, וֶוען עֶס קוּמְט דֶער טָאג וָואס הקב"ה זִיצְט אוֹיף דֶעם כִּסֵּא הַדִּין אוּן הֵייבְּט אָן צוּ מִשְׁפְּטְ'ן דֶער גַאנְצֶע וֶועלְט פַאר דֶער קוּמֶענְדִיגֶע יָאר, אַלֶעס וָואס גֵייט גֶעשֶׁען לִיגְט שׁוֹין אִין דֶער שַׁבָּת פְרִיעֶר, פִּינְקְטְלִיךְ וְוִיפִיל גוּטְס דֶער מֶענְטְשׁ גֵייט הָאבְּן, מִי יִחְיֶה וכו', אוּן עֶס וֶוערְט נִמְשַׁךְ דֶערְפוּן פוּן דֶער שַׁבָּת בֶּעפָאר, דֶער מְקוֹר קוּמְט פוּן דֶער שַׁבָּת.

**אוּן** דֶערִיבֶּער קוּמְט אַלֶעמָאל אוֹיס צוּ לֵיינֶען 'פָּרָשַׁת נִצָּבִים' אוֹיף דֶער לֶעצְטֶער שַׁבָּת אִין יָאר, וָואס אִיז פַאר רֹאשׁ הַשָּׁנָה, צוּלִיבּ דֶעם וָואס אַלֶע הַשְׁפָּעוֹת טוֹבוֹת פוּן רֹאשׁ הַשָּׁנָה אוֹיפְן קוּמֶענְדִיגֶע יָאר וֶוערְט נִמְשַׁךְ דוּרְךְ דֶעם שַׁבָּת, דֶערְפַאר לֵיינְט מֶען פָּרָשַׁת נִצָּבִים וֶועלְכֶע אִיז מְרַמֵּז אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה, אוּן וֶועגְן דֶעם וֶוערְט גֶע'פַּסְקְ'נְט אִין שֻׁלְחָן עָרוּךְ (אוֹרַח חַיִּים סי' תכח סעיף ד') **"לְעוֹלָם קוֹרִין אַתֶּם נִצָּבִים קֹדֶם רֹאשׁ הַשָּׁנָה"** אֵייבִּיג לֵיינְט מֶען פָּרָשַׁת נִצָּבִים פַאר רֹאשׁ הַשָּׁנָה, ווייל דָאס אִיז מְרֻמָּז אִין רֹאשׁ הַשָּׁנָה, אוּן דֶער אֱמֶתְ'ע "אָנְפַאנְג יָאר" אִיז גֶעבִּינְדֶען אוּן גֶעוָואנְדְן שׁוֹין אִין דֶער שַׁבָּת בֶּעפָאר רֹאשׁ הַשָּׁנָה.[ב]

## דֶער אוּנטֶערשְׁטֶער שַׁבָּת פוּן דֶער יָאר

**וֶוען** מִיר הַאלְטְן שׁוֹין בַּיים אוּנטֶערְשְׁטֶער שַׁבָּת פוּנֶעם יָאר, דַארְף מֶען גֶעדֶענְקֶען אַז שַׁבָּת אִיז אַ זְמַן מְסֻגָּל אוֹיף תְּשׁוּבָה, וְוִי עֶס וֶוערְט אַרוּם גֶערֶעדְט אִין **סִדּוּרוֹ שֶׁל שַׁבָּת** (ח"א שורש א ענף ד), אוּן עֶר שְׁרֵייבְּט דָארְט אַז שַׁבָּת אִיז נוֹטְרִיקוֹן **שַׁבָּת בּוֹ תָּשׁוּב**, אִין שַׁבָּת דַארְף מֶען תְּשׁוּבָה טוּן.

**בִּפְרָט** אִין דֶעם שַׁבָּת וָואס פוּן דֶער שַׁבָּת וֶוערְט נִמְשַׁךְ דִי הַשְׁפָּעוֹת פוּן רֹאשׁ הַשָּׁנָה, וֶועגְן דֶעם דַארְף מֶען נֶעמֶען אִין בַּאטְרַאכְט דֶער שַׁבָּת אוּן זֶען צוּ תְּשׁוּבָה טוּן, אַזוֹי וְוִי עֶס שְׁטֵייט אִין בֵּית אַהֲרֹן **פְּשִׁיטָא שַׁבָּת שֶׁקֹּדֶם רֹאשׁ הַשָּׁנָה צָרִיךְ לְהִתְעוֹרֵר עַצְמוֹ בִּתְשׁוּבָה לִפְנֵי הקב"ה.**

**אַזוֹי** אוֹיךְ שְׁרֵייבְּן דִי סְפָרִים הק' אַז דֶער לֶעצְטֶע שַׁבָּת פוּנֶעם יָאר אִיז סְפֶּעצִיעֶל מְסֻגָּל צוּ מְתַקֵּן זַיין אַלֶע שַׁבָּתִים פוּן דִי גַאנְצֶע יָאר, וְוִי עֶס שְׁטֵייט אִין יִשְׂמַח

---

**ב.** הרה"ק ר' לייבעלע אייגער זי"ע האט געזאגט, מיט דעם כלל פארשטייען מיר פארוואס מען בענטש נישט מברכין החודש שבת בעפאר ראש חודש תשרי, ווייל אלע צוועלף חדשים ווערן נמשך פון ראש השנה, און דער שבת פאר ראש השנה איז דאך דער מקור הברכה, קומט אויס אז דער שבת איז אזוי ווי א קוואל וואס פון דעם גיסט זיך ארויס פאר אלע אנדערע חדשים אינעם יאר, אבער דער קוואל אליינס - שבת פאר ראש השנה- איז דאך דער מקור וואס דאס גיבט דער השפעות פאר די אנדערע חדשים.

יִשְׂרָאֵל (פר' וילך) **וְעַל יְדֵי שְׁמִירָתוֹ בִּקְדֻשָּׁה וּבְטָהֳרָה נוּכַל לְתַקֵּן אֶת כָּל מַה שֶּׁפָּגַמְנוּ בְּכָל שַׁבְּתוֹת הַשָּׁנָה שֶׁעָבְרוּ** מִיט דֶער שַׁבָּת קֶען מֶען מְתַקֵּן אַלֶע פְרִיעֶדִיגֶער שַׁבָּתִים פוּנֶעם יָאר, אַזוֹי ווִי וֶוען אֵיינֶער הֵייבְּט נָאר אוֹיף דֶער אוּנְטֶערְשְׁטֶער חֵלֶק פוּן אַ שְׁטֶעקֶן, שְׁטֵייט אוֹיךְ דֶער גַאנְצֶע שְׁטֶעקֶן, אַזוֹי אוֹיךְ מִיט אוֹיפְהֵייבְּן דֶער שַׁבָּת אוּן עֶס הִיטְן ווִי ס'דַארְף צוּ זַיין, הֵייבְּט זִיךְ אוֹיךְ אוֹיף אַלֶע שַׁבָּתִים פוּן דִי יָאר, אוֹיבּ הָאט מֶען נִישְׁט גֶעהִיטְן אוּן מְכַבֵּד גֶעוֶוען ווִי ס'דַארְף צוּ זַיין, קֶען מֶען מִיט דֶער שַׁבָּת אַלֶעס פַארְרֶעכְטְן.

## כְּבוֹד שָׁמַיִם

**עֶס** אִיז דָא אֵיין ווִיכְטִיגֶע נְקוּדָה וָואס מֶען קֶען זִיךְ מְחַזֵּק זַיין אִין אַרֵיין כַאפְּן פַאר ס'קוּמְט דֶער יוֹם הַדִּין, דָאס אִיז דֶער עִנְיָן פוּן "כְּבוֹד הַתּוֹרָה" וָואס עֶס אִיז זֵייעֶר ווִיכְטִיג אוּן עֶס נֶעמְט אַרוּם דֶער גַאנְצֶע לֶעבְּן פוּן אַ אִיד, ווִי עֶס שְׁטֵייט אִין זֹהַר הַקָ' (פִּנְחָס רלא) אַז ר' יְהוּדָה הָאט גֶעבֶּעטְן פוּן ר' שִׁמְעוֹן אַז עֶר זָאל אִים אַנְטְפְּלֶעקְן דֶער סֵדֶר וָואס עֶס טוּט זִיךְ אָפּ אוֹיבְן אִין הִימְל אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה, הָאט עֶר גֶעזָאגְט צוּם עֶרְשְׁט אִיז מֶען דָן אוֹיף דִי וָואס זֶענֶען נִישְׁט מְכַבֵּד אוּן מַחְשִׁיב דֶער נָאמֶען פוּן קוּדְשָׁא בְּרִיךְ הוּא, אוּן זַיין תּוֹרָה, אוּן דִי וָואס לֶערְנֶען אִין דֶעם. דָאס קוּמְט אוּנְז צוּ לֶערְנֶען ווִי שְׁטַארְק מֶען דַארְף אַכְטוּנְג גֶעבְּן צוּ מַחְשִׁיב זַיין הַשי"ת אוּן זַיין תּוֹרָה. אַרוּיף קוּקְן אִין מְכַבֵּד זַיין דִי תּוֹרָה אוּן דִי וָואס לֶערְנֶען אִין דֶעם.

**אַזוֹי** אוֹיךְ אִיז ווִיכְטִיג צוּ מְכַבֵּד זַיין דִי אֵייגֶענֶע תּוֹרָה וָואס מֶען לֶערְנְט, הַאלְטְן חָשׁוּב אִין טֵייעֶר דִי זְמַנִּים וָואס מֶען אִיז זִיךְ קוֹבֵעַ אוֹיף לִמּוּד הַתּוֹרָה, נִישְׁט גְרִינְגְשֶׁעצְן אִין דֶער תּוֹרָה, נָאר ווִיסְן אַז זַיין תּוֹרָה אִיז זֵייעֶר חָשׁוּב אִין בַּאלִיבְּט בֵּיי הַשי"ת, אוּן עֶס לִיגְט אַ פְלִיכְט אוֹיף דֶער מֶענְטְשׁ צוּ זִיךְ הַאלְטְן צוּ זַיין שִׁעוּרִים אִין צוּ זַיינֶע סְדָרִים, אוּן נִישְׁט מְוַתֵּר זַיין אוֹיף דֶעם קֵיינְמָאל.

**עֶס** שְׁטֵייט אִין ספה"ק אַז אֵיינְמָאל דֶער מִשְׁפָּט גֵייט אַדוּרְךְ בְּשָׁלוֹם פָארְט עֶס שׁוֹין גֶעשְׁמִירְט, אוּן דֶער אִיבְּרִיגֶער זַאכְן גֵייט אוֹיךְ אַדוּרְךְ בְּשָׁלוֹם, מִמֵּילָא לָאמִיר זִיךְ מְחַזֵּק זַיין אִין דִי גֶעצֵיילְטֶע שָׁעוֹת פַאר עֶס קוּמְט דֶער גְרוֹיסֶע מִשְׁפָּט, אוּן מֶען גֵייט אוּנְז דָן זַיין אוֹיף כְּבוֹד שָׁמַיִם, רִיכְטִיג מְכַבֵּד זַיין הַשי"ת נָאמֶען דַאוֶוענֶען מִיט כַּוָּנָה, אוּן מַאכְן אַ נַחַת רוּחַ פַארְן בַּאשֶׁעפֶער, בִּזְכוּת דֶעם וֶועלְן מִיר אַלֶע בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם זוֹכֶה זַיין צוּ אַרֵיין גֵיין אִין דֶער סֵפֶר פוּן צַדִּיקִים אוּן וֶוערְן אָפְּגֶעשְׁרִיבְּן לְאַלְתֵּר לְחַיִּים טוֹבִים וּלְשָׁלוֹם.

# רֹאשׁ הַשָּׁנָה

## חֶדְוַת ה' הִיא מָעֻזְּכֶם

☆ רֹאשׁ הַשָּׁנָה - אַ פְרֵיילִיכֶער טָאג ☆ דֶער אוּנְטֶערְשֵׁייד צְווִישְׁן אַ אִיד מִיט אַ גוֹי ☆ בְּשִׁמְךָ יְגִילוּן כָּל הַיּוֹם ☆ יוֹם חַגֵּנוּ ☆ רַחֲמֵנוּ כְּרַחֵם אָב עַל בָּנִים ☆ אֶבְרַח מִמְּךָ אֵלֶיךָ - מֶען לוֹיפְט צוּם בַּאשֶׁעפֶער

**רֹאשׁ הַשָּׁנָה - אַ פְרֵיילִיכֶער טָאג**

**דֶער** נָבִיא פַארְצֵיילְט אוּנְז ווִי אַזוֹי עֶס הָאט אוֹיסְגֶעזֶען דֶער עֶרְשְׁטֶער יָאר רֹאשׁ הַשָּׁנָה פוּן ווֶען דִי אִידְן זֶענֶען אַרוֹיף גֶעקוּמֶען פוּן גָּלוּת צוּזַאמֶען מִיט עֶזְרָא אוּן נְחֶמְיָה. עֶזְרָא הָאט פָארְגֶעלֵיינְט אִין דִי תּוֹרָה, אוּן כְּלַל יִשְׂרָאֵל הָאט זִיךְ גֶענוּמֶען ווֵיינֶען אוֹיף דֶעם ווָאס זֵיי זֶענֶען אַזוֹי ווַייט פוּן דִי תּוֹרָה אוּן אַז זֵיי הָאבְּן נִישְׁט עֶרְפִילְט אִין גֶעפָאלְגְט אַלֶעס ווָאס שְׁטֵייט אִין דִי תּוֹרָה, שְׁטֵייט אִין פָּסוּק (נחמיה ח ט) עֶזְרָא אוּן נְחֶמְיָה הָאבְּן מְחַזֵּק גֶעווֶען דִי צוּבְּרָאכֶענֶע אִידְן אוּן זֵיי הָאבְּן גֶעזָאגְט **הַיּוֹם קָדוֹשׁ הוּא לַה' אֱלֹקֵיכֶם** דֶער הֵיינְטִיגֶער טָאג רֹאשׁ הַשָּׁנָה אִיז אַ הֵיילִיגֶער טָאג **אַל תִּתְאַבְּלוּ וְאַל תִּבְכּוּ** הֶערְטְס אוֹיף צוּ ווֵיינֶען אוּן קְלָאגְן, אוּן עֶזְרָא אוּן נְחֶמְיָה הָאבְּן גֶעזָאגְט נָאךְ חִזּוּק רֵייד פַאר כְּלַל יִשְׂרָאֵל, ווִי סְ'שְׁטֵייט אִין פָּסוּק (שם י) **וַיֹּאמֶר לָהֶם לְכוּ אִכְלוּ מַשְׁמַנִּים וּשְׁתוּ מַמְתַקִּים וגו' כִּי קָדוֹשׁ הַיּוֹם לַאֲדֹנֵינוּ, וְאַל תֵּעָצֵבוּ, כִּי חֶדְוַת ה' הִיא מָעֻזְּכֶם** גֵייטְס עֶסְן אוּן טְרִינְקֶען, ווַייל הֵיינְט אִיז אַ הֵיילִיגֶער אוּן פְרֵיילִיכֶער טָאג.

**לִכְאוֹרָה** דַארְף מֶען פַארְשְׁטֵיין דִי רֵייד פוּן דִי נְבִיאִים, פַארְווָאס טָאקֶע זָאגְט דִי פָּסוּק אַז זֵיי זָאלְן נִישְׁט ווֵיינֶען אוּן קְלָאגְן אוּן זֵיין טְרוֹיעֶרִיג, זֵיי הָאבְּן דָאךְ גֶעווֵיינְט פַאר אַ גוּטֶע סִבָּה – צוּלִיב דֶעם ווָאס זֵיי הָאבְּן נִישְׁט רִיכְטִיג מְקַיֵּים גֶעווֶען דִי תּוֹרָה, ווָאס קֶען דֶען זֵיין בֶּעסֶער פוּן אֱמֶתֶ'ע חֲרָטָה גֶעפִילְן אוֹיף דִי עֲבֵירוֹת, מִיט אַ צוּבְּרָאכֶענֶע הַארְץ, אוּן מִיט אַ גֶעפִיל פוּן אַ פֶּעסְטֶע קַבָּלָה פוּן הֵיינְט אוּן ווַייטֶער?!

**ווֶען** מֶען קוּקְט אַרֵיין אִין פָּסוּק זֶעט מֶען אַז אִין דִי רֵייד פוּן דִי נְבִיאִים, פַארְשְׁטֵייט מֶען פַארְווָאס טָאקֶע כְּלַל יִשְׂרָאֵל אִיז גֶעווָארְן אָנְגֶעזָאגְט אַז זֵיי זָאלְן אוֹיפְהֶערְן צוּ ווֵיינֶען; "הַיּוֹם קָדוֹשׁ לַה' אֱלֹקֵיכֶם וְגוֹ' חֶדְוַת ה' הִיא מָעֻזְּכֶם" רֹאשׁ הַשָּׁנָה אִיז אַ פְרֵיילִיכֶער טָאג, אַ יוֹם טוֹב ווָאס דֶער בַּאשֶׁעפֶער פְרֵיידְט זִיךְ מִיט דֶער טָאג, אַווַדַאי בְּרוֹיךְ מֶען תְּשׁוּבָה טָאן אוֹיף אַלֶע עֲבֵירוֹת, אָבֶּער דֶער צוּגַאנְג צוּ דֶעם

דאַרף זײַן מיט אַ פְרײליכער געמיט, און מיט בִּטָחון אין השי"ת אַז ער גייט אונז בענטשען מיט אַ נייער גוטע יאָר, אָבער נישט זײַן חָלִילָה טרויעריג און צוּבּראָכן.[ג]

**דער** בַּעַל שֵׁם טוֹב האָט געזאָגט, עס שטייט דאָך אין מִשְׁנָה 'יוֹם טוֹב שֶׁל רֹאשׁ הַשָּׁנָה', רֹאשׁ הַשָּׁנָה איז אַ פריילעכער טאָג עס איז אַ יוֹם טוֹב, און דעריבער זאָגט מען שֶׁהֶחֱיָנוּ. און דאָס וואָס דער אֲרִיזַ"ל האָט געזאָגט אַז מען דאַרף וויינען אום רֹאשׁ הַשָּׁנָה, דאָס איז נאָר צוליב דעם גָּלוּת הַשְּׁכִינָה, און כְּדֵי דאָס צו דערגרייכן דאַרף מען זײַן בְּשִׂמְחָה, דער וויינען זאָל זײַן אַ בְּכִיָּה שֶׁל שִׂמְחָה.[ד]

## דער אונטערשייד צווישן אַ איד מיט אַ גוֹי

**וועגן** דעם פירט מען זיך אין רֹאשׁ הַשָּׁנָה אַסאַך מִנְהָגִים פון שִׂמְחָה, און מען עסט פײַנע סעודוֹת צו ווייזן אַז מיר זענען בְּשִׂמְחָה און מיר פרייען זיך מיט דעם טאָג.

**דער** יְרוּשַׁלְמִי (ראש השנה פרק א הלכה ג) רעכנט אויס דער מַעֲלָה פון כְּלַל יִשְׂרָאֵל קעגן דער גוֹי, בײַ דער אֻמּוֹת הָעוֹלָם בעפאָר זיי האָבן אַ מִשְׁפָּט טוען זיי זיך אָן שוואַרצע קליידער, און זיי לאָזן זיך וואַקסן זייער האָר, און זיי דרייען זיך אַרום פאַרביטערט און פאַרזוייערט נישט וויסנדיג וואָס דער אויסגאַנג פון דער מִשְׁפָּט וועט זײַן, אָבער כְּלַל יִשְׂרָאֵל אֲפִילוּ זיי האָבן אַ

---

**ג.** דער רמב"ם (מגילה וחנוכה פרק ג הלכה ו) פסק'נט **אבל ראש השנה ויום הכיפורים אין בהם הלל** מען זאגט נישט קיין הלל אויף ראש השנה און יום הכיפורים, **לפי שהן ימי תשובה ויראה ופחד, לא ימי שמחה 'יתירה'** וויבאלד די טעג זענען טעג פון תשובה און יראה, און מען טוט נישט פארמערן מיט שמחה.

עס איז דאך באקאנט אז יעדן איינציג ווארט פונעם רמב"ם איז מדוייק און אויסגערעכנט, מען בויעט גאנצע דיוקים און פלפולים אויף איין ווארט און צומאל אפילו פון איין אות. איז פארוואס שרייבט דער רמב"ם שמחה 'יתירה' אז די טעג 'פארמערט' מען נישט מיט שמחה? נאר דער פשט פון דער ווארט 'יתירה' מיינט, אז געוויס איז דא א מצוה צו זיין פרייליך און זיין בשמחה אין ראש השנה, אבער וויבאלד עס איז דאך טעג וואס מען משפט יעדן איינעם, און די טעג זענען געאייגנט צו תשובה טון, דעפאר טוט מען נישט פארמערן אסאך שמחה, אבער דאס איז זיכער אז פרייליך דארף מען זיין!

**ד.** דער זעלבע בחינה שטייט אין אסאך חסידישע ספרים. אין ספר ויגד יעקב (ראש השנה אות כו) ברענגט ער בשם הגה"ק רבי ישכר דוב מבעלזא זי"ע אז דער וויינען זאל נישט זיין **מחמת אבל וצער ח"ו** פון צובראכנקייט און פארוויטאגט, **רק מחמת הדביקות** נאר פון דביקות אין באשעפער, אזוי ווי דער טורי זהב שרייבט (או"ח סימן רפח בשם המדרש) אז די תלמידים פון רבי עקיבא האבן אים געטראפן וויינען ווען ער האט געזאגט שיר השירים אום שבת, האבן די תלמידים געזאגט "עס איז דאך שבת היינט, מען מעג דאך נישט וויינען אין שבת?" האט רבי עקיבא זיי געענטפערט "עס איז געשמאקע וויינען, עס איז א בכיה פון דביקות צום באשעפער".

מִשְׁפָּט פוּן לֶעבְּן, טוּעֶן זֵיי זִיךְ קְלֵיידְן שֵׁיינֶע וַוייסֶע קְלֵיידֶער, אוּן זֵיי שֶׁערְן זִיךְ אָפּ דִי הָאר אוּן זֵיי עֶסְן אוּן טְרִינְקֶען מִיט אַ פְרֵיילִיכֶער גֶעפִיל, וְוִיבַּאלְד זֵיי וַוייסְן אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער גֵייט זֵיי מִשְׁפְּטְ'ן צוּם גוּטְן.

**דִי** מִדְרָשׁ (פיסקתא דרב כהנא - פיסקא כג) זָאגְט, דֶער בַּאשֶׁעפֶער הָאט גֶעזָאגְט צוּ אָדָם הָרִאשׁוֹן "**כְּשֵׁם שֶׁנִּכְנַסְתָּה לְפָנַי בְּדִין בְּיוֹם הַזֶּה וְיָצָאתָה בְּדִימוּס, כָּךְ עֲתִידִין בָּנֶיךָ לִהְיוֹת נִכְנָסִין לְפָנַי בְּדִין בְּיוֹם הַזֶּה וְיוֹצְאִין בְּדִימוּס. אֵימָתַי בַּחֹדֶשׁ הַשְּׁבִיעִי בְּאֶחָד לַחֹדֶשׁ**" אַזוֹי ווִי אָדָם הָרִאשׁוֹן אִיז בַּאשַׁאפְן גֶעוָוארְן אִין רֹאשׁ הַשָּׁנָה אוּן עֶר אִיז גֶע'מִשְׁפָּט גֶעוָוארְן לְחַיִּים, אַזוֹי אוֹיךְ טוּט דֶער בַּאשֶׁעפֶער מִשְׁפְּטְ'ן זַיין פָאלְק יֶעדְן יָאר רֹאשׁ הַשָּׁנָה אוּן זֵיי גֵייעֶן אַרוֹיס מִיט אַ גוּטֶע מִשְׁפָּט.

**דֶער** שְׂפַת אֱמֶת עֶרְקְלֶערְט לוֹיט דֶעם וָואס ס'שְׁטֵייט אִין גְּמָרָא (שבת קל.) **כָּל מִצְוָה שֶׁקִּבְּלוּ עֲלֵיהֶם בְּשִׂמְחָה, עֲדַיִן עוֹשִׂין אוֹתָהּ בְּשִׂמְחָה** יֶעדֶע מִצְוָה וָואס מִיר הָאבְּן מְקַבֵּל גֶעוֶועְן בְּשִׂמְחָה, טוּעֶן מִיר נָאךְ אַלְס מְקַיֵּים זַיין מִיטְן זֶעלְבֶּע מָאס פְרֵיילִיכְקֵייט. א' תִּשְׁרֵי וֶוען דֶער בַּאשֶׁעפֶער הָאט בַּאשַׁאפְן דֶער וֶועלְט הָאט גֶעהֶערְשְׁט אַ גֶעוַואלְדִיגֶע שִׂמְחָה, אַזוֹי דַארְף אוֹיךְ זַיין יֶעדְן יָאר רֹאשׁ הַשָּׁנָה - דֶער טָאג וָואס מֶען אִיז מְקַבֵּל מַלְכוּת שָׁמַיִם, דַארְף מֶען זַיין בְּשִׂמְחָה.

## בְּשִׁמְךָ יְגִילוּן כָּל הַיּוֹם

**מֶען** דַארְף גֶעדֶענְקֶען צוּ חָלִילָה נִישְׁט אַרֵיינְפַאלְן אִין אַ מַצָּב פוּן בִּיטֶערְקֵייט אוּן נִישְׁט וֵויינֶען אַ זוֹיעֶרֶע סָארְט וֵויינֶען, נָאר מִיט אַ שִׂמְחָה אוּן דְּבֵקוּת. דֶער חֲתַם סוֹפֵר (דרוש לז"ך אלול ד"ה ויהי היום) שְׁרֵייבְּט גָאר שַׁארְפֶע זַאכְן פַאר דֶער וָואס וֵויינְט מִכֹּחַ עַצְבוּת אָדֶער צוּבְּרָאכְנְקֵייט, **יוֹם רֹאשׁ הַשָּׁנָה – גַּם כִּי הוּא יוֹם נוֹרָא יוֹם דִּין וּמִשְׁפָּט וְכוּ' מ"מ אֵינוֹ יוֹם עִצָּבוֹן וְכוּ' עַצְבוּת וְשִׁבְרוֹן לֹא יִזָּכֵר וְלֹא יִפָּקֵד, כִּי הוּא מִסִּטְרָא דִקְלִיפָּה וְסִטְרָא דְּדִינָא, וְאֵין לְעוֹרֵר דִּין בְּיוֹם הַהוּא** זַיין צוּבְּרָאכְן אוּן צוּקְלַאפְּט גִיבְּט אַ שְׁטַארְקֶע כֹּחַ פַאר דִי סִטְרָא אַחֲרָא אוּן עֶס אִיז מְעוֹרֵר דִּינִים אוֹיפְן מֶענְטְשׁ וָואס אִיז טְרוֹיעֶרִיג.

**דֶער** רִיכְטִיגֶע צוּגַאנְג צוּ רֹאשׁ הַשָּׁנָה דַארְף זַיין מִיט שִׂמְחָה, מֶען דַארְף זִיךְ פְרֵייעֶן מִיטְן טָאג, אוּן פוּן דֶער שִׂמְחָה טוּט זִיךְ עֶרְוֶועקְן אַ לִיבְּשַׁאפְט אִין אַ דְּבֵקוּת צוּם בַּאשֶׁעפֶער אוּן מִכֹּחַ דֶעם וֵויינְט מֶען אַ בְּכִיָּה פוּן שִׂמְחָה. בְּשִׁמְךָ יְגִילוּן כָּל הַיּוֹם אִיז רָאשֵׁי תֵּבוֹת בְּכִיָּ"ה, דָאס קוּמְט אוּנְז צוּ ווַייזְן אַז מֶען דַארְף וֵויינֶען אַ בְּכִיָּה שֶׁל שִׂמְחָה, אַן אֱמֶתֶ'ע גֶעוֵויין פוּן נָאנְטְקֵייט אוּן דְּבֵקוּת צוּם בּוֹרֵא עוֹלָם.

## יוֹם חַגֵּנוּ

**בֶּאֱמֶת** דַארְף מֶען פַארְשְׁטֵיין, פַארְוָואס טַאקֶע אִיז רֹאשׁ הַשָּׁנָה אַ זְמַן שִׂמְחָה? מִיר וֵויסְן דָאךְ אַז חֲזַ"ל הָאבְּן מְתַקֵּן גֶעוֶועְן דִי יָמִים טוֹבִים צוּלִיבּ אַ סְפֶּעצִיעֶלֶע אוּרְזַאךְ וָואס הָאט פַּאסִירְט אִין יֶענֶע טָאג, פֶּסַח אִיז זְמַן חֵרוּתֵנוּ, שָׁבוּעוֹת אִיז זְמַן מַתַּן תּוֹרָתֵנוּ, אוּן סוּכּוֹת אִיז זְמַן שִׂמְחָתֵנוּ, יֶעדֶער יוֹם טוֹב הָאט זִיךְ זַיין אֵייגְנְאַרְטִיגְקֵייט, אָבֶּער וָואס הָאט פַּאסִירְט רֹאשׁ הַשָּׁנָה אַז דָאס אִיז אַ יוֹם טוֹב אַ זְמַן פוּן שִׂמְחָה?

**נאָכמער** איז שווער, ווי אזוי קען מען בכלל זיך פרייען אין אזא טאג וואס מיר ווייסן דאך אז דער באשעפער עפנט אויף די ספרים און ער קוקט אריין דערין, און ער טוט משפט'ן יעדן איינעם, עס כאפט דאך א ציטער און א שרעק. ווען מען ווייסט אז מען שטייט פאר'ן מלך מלכי המלכים, און מען ווייסט נישט וואס דער גורל גייט זיין, מ'ווייסט נישט וואספארא יאר עס ווארט אונז אפ, אבער אזויפיל ווייסט מען יא, אז מ'איז ליידער פארזינדיגט און מ'האט אסאך עבירות, איז ווי אזוי קען מען זיך בכלל פרייען אין אזא טאג? אייגענטליך איז דער נאטור פונעם בריאה, אז ווילאנג עס נעמט ארום א פחד און א שרעק און די הארץ איז אנגעפילט מיט ציטער און מורא, קען מען נישט זיין פרייליך, די צוויי זאכן – שמחה און פחד גייען דאך נישט צוזאמען, אויב אזוי ווי אזוי קען מען זיך טאקע פרייען אין אזא פארכטיגע טאג?

## רחמנו כרחם אב על בנים

**נאר** דער פשט דערפון קען זיין לויט ווי עס שטייט אין זהר הק' (רעיא מהימנא פר' אמור צט: - דער שטיקל וואס מען פירט זיך צו זאגן פאר די תקיעות) אז אונזער זכות נעמט זיך פון דעם וואס מיר זענען קינדער פונעם גרויסע באשעפער, וויבאלד דער אייבערשטער האט אונז ליב מיט אן אויסטערלישע ליבשאפט, דאס ברעכט דער שלעכטע דין און עס וועגט איבער אלע דינים, ווען עס קומט צו בלאזן שופר זיצט זיך השי"ת כביכול ארויף אויף די כסא הרחמים, אונזער גרויסער פאטער האט רחמנות אויף אונז כרחם אב על בנים, און דעריבער זאגן מיר נאך תקיעות שופר "רחמנו כרחם אב על בנים".

**דערפאר,** אפילו עס הערשט א פחד און אן אנגעצויגענקייט וואס דער אויסגאנג פון דער משפט גייט זיין, אבער וויבאלד מיר ווייסן אז דער שופט איז אונזער פאטער, וואס ער האט אונז ליב און ער וויל אונז פארשרייבן לחיים טובים, וועגן דעם זענען מיר בשמחה און פארזיכערט אז דער משפט גייט אריבער גיין לשלום. ווייל יעדער טאטע וואלט זיכער גע'פסקנ'ט דער בעסטע וואס קען נאר זיין פאר זיין קינד, אוודאי און אוודאי דער גרויסער באשעפער וואס האט אונז ליב פיל מער ווי א טאטע האט ליב זיין קינד, אזוי ווי דער אבן עזרא שרייבט (פרשת ראה יד א) **והוא אוהב אתכם יותר מהאב לבן** דער באשעפער איז דאך דער וואס גיבט אריין דער נאטור איינעם טאטע אז ער זאל ליב האבן זיין קינד, אונז קענען זיך בכלל נישט פארשטעלן און באגרייפן מיט וואספארא ליבשאפט דער אייבערשטער האט אונז ליב, און טאקע דערפאר פרייען מיר זיך ווייל מיר ווייסן אז אונזער טאטע איז דער שופט און ער גייט אונז זיכער פארשרייבן מיט א גוט געבענטשטע יאר.

**אפילו** מען איז ליידער פארשמירט מיט חטאים, מען האט ריזיגע פעק פון עבירות, אבער מיר ווייסן דאך וואס רבי מאיר זאגט (קידושין לו.) **בין כך ובין כך קרויין בנים** כאטש וואס מיר האבן עבירות, בלייבן

מִיר שְׁטֶענְדִיג קִינְדֶער צוּ אוּנְזֶער טַאטֶע אִין הִימְל.[ה]

## אֶבְרַח מִמְּךָ אֵלֶיךָ - מֶען לוֹיפְט צוּם בַּאשֶׁעפֶער

**דִּי** פָּסוּק (ישעיה א ו) זָאגְט **מִכַּף רֶגֶל וְעַד רֹאשׁ אֵין בּוֹ מְתֹם** אוּנְזֶער גַאנְצֶע קֶערְפֶּער אִיז פַארְפְלֶעקְט מִיט עֲבֵירוֹת, מֶען הָאט זִיךְ אָנְגֶעזַאמְלְט בְּמֶשֶׁךְ דֶער יָאר מִיט זִינְד, אוּן עֶס קוּמְט אַ צַייט וָואס מֶען גֵייט אוּנְז מִשְׁפְּטְ'ן, לוֹיט אוּנְזֶער מַצָּב ווִי אוּנְז הַאלְטְן, זֶענֶען מִיר בֶּאֱמֶת אִין אַן עֵת צָרָה, מֶען וָואלְט גֶעדַארְפְט צִיטֶערְן פוּן שְׁרֶעק, וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער גֵייט אוּנְז פַארְשְׁרֵייבְּן, אָבֶּער וָואס טוּט מֶען וֶוען מֶען אִיז אִין אַ צָרָה, מֶען לוֹיפְט צוּם בַּאשֶׁעפֶער מֶען פַארְזִיכֶערְט זִיךְ מִיט אַ פֶעלְזְן פֶעסְטֶע בִּטָּחוֹן אִין הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא, אֵין לָנוּ לְהִשָּׁעֵן אֶלָּא עַל אָבִינוּ שֶׁבַּשָּׁמַיִם, דֶער אֵיינְצִיגְסְטֶער וָואס קֶען אוּנְז הֶעלְפְן פוּן אוּנְזֶער צָרוֹת אִיז נָאר דֶער בַּאשֶׁעפֶער אַלֵיין, דֶערִיבֶּער כָאטְשִׁיג וָואס מִיר הָאבְּן אַ פַּחַד אוּן מוֹרָא, אָבֶּער דֶער עֵצָה אַרוֹיס צוּ גֵיין פוּן דֶער צָרָה אִיז נָאר דוּרְךְ זִיךְ וֶוענְדְן צוּם בַּאשֶׁעפֶער, וֶוען מֶען וֵוייסְט אַז דֶער בַּאשֶׁעפֶער אִיז דֶער וָואס קֶען אוּנְז הֶעלְפְן אוּן מִיר פַארְלָאזְן זִיךְ גֶענְצְלִיךְ אוֹיף אִים, מֶען אִיז זִיךְ מְחַזֵּק אִין בִּטָּחוֹן אַז עֶר גֵייט אוּנְז אַרוֹיס נֶעמֶען פוּן דֶער צָרָה אוּן עֶר גֵייט אוּנְז פַארְשְׁרֵייבְּן לְחַיִּים טוֹבִים וּלְשָׁלוֹם, דֶעמָאלְטְס פַארְלִירְט מֶען דֶער פַּחַד, אוּן מֶען וֶוערְט אָנְגֶעפִילְט מִיט שִׂמְחָה אַז מֶען אִיז אוּנְטֶער דֶער שִׁיץ פוּן דֶער בַּאשֶׁעפֶער אַלֵיין. אַזוֹי ווִי דֶער רַמְבַּ"ם שְׁרֵייבְּט (פירוש המשניות, ראש השנה פ"ד אות ז) **שֶׁהֵם יְמֵי תְּפִלָּה וְהַכְנָעָה לִפְנֵי ה' וְיִרְאָה מִמֶּנּוּ וּמִבְרָח וּמָנוֹס אֵלָיו** עֶס אִיז טֶעג וָואס מֶען בַּאהַאלְט זִיךְ אִין דֶער בַּאשֶׁעפֶערְ'ס פַארְטוּךְ, אוּן מֶען אִיז פַארְזִיכֶערְט אַז עֶר גֵייט אוּנְז הֶעלְפְן מִיט אוּנְזֶער מִשְׁפָּט אוּן עֶר דֶערִיבֶּער וֶוערְט מֶען בְּשִׂמְחָה, ווִי דֶער טוּר (אורח חיים סימן תקפא) שְׁרֵייבְּט **שֶׁאָנוּ יוֹדְעִין שֶׁהַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא יַעֲשֶׂה לָהֶם נֵס** אוּנְז זֶענֶען זִיכֶער אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער גֵייט מַאכְן מִיט אוּנְז נִסִּים.[ו]

---

**ה.** אפילו ר' יהודה קריגט זיך אויף ר' מאיר און דער כלל איז דאך אז מחלוקת צווישן רבי מאיר און רבי יהודה הלכה כר' יהודה, אזוי ווי עס שטייט אין גמרא (עירובין מו:) אבער דא ביי דער פאַל פסק'נט דער רשב"א (שו"ת חלק א' סימן קצד) **ואע"ג דר' מאיר ור' יהודה הלכה כר' יהודה, הכא רבי מאיר קראי קדייק** אז מען נעמט אן להלכה ווי רבי מאיר.

**ו.** די ספרים הקדושים פארגלייכן דאס צו איינער וואס איז דערטרינקען אין וואסער און ער זעט נישט קיין וועג ארויס, זיין הארץ ציטערט פון שרעק, ער ווייסט נישט וואס דער קומענדיגע מינוט גייט אים ברענגען. פלוצלינג קומט איינער מיט א לאנגע שטריק און ער ראטעוועט אים ארויס פון זיין געפאר. ווען ער געפינט זיך אין די וואסער, ציטערט ער אז ער זאל בלייבן לעבן, אבער אין דער סקונדע וואס ער זעט נאר ווי איינער דעבארעמט זיך אויף אים, באקומט ער א פרישער גייסט פון שמחה און ער פארגעסט פון זיין פחד, די גאנצע שרעק ווערט איבערגעדרייט צו שמחה אין איין מינוט. דער נמשל דערפון – זאגן די ספרים הק' – ווען עס קומט דער יום הדין, יעדער איד וואס ווייסט זיין מצב, ציטערט פון שרעק

**לוֹיט** דֶעם פַּארְשְׁטֵייט מֶען דָאס וָואס דִי גְּמָרָא (ראש השנה לב:) זָאגְט: דִי מַלְאֲכֵי הַשָּׁרֵת הָאבְּן גֶעפְרֶעגְט דֶעם רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, "פַּארְוָואס זָאגְן דִי אִידְן נִישְׁט קֵיין הַלֵּל אוּם רֹאשׁ הַשָּׁנָה אוּן אוֹיף יוֹם הַכִּפּוּרִים?" הָאט השי"ת זֵיי גֶעעֶנְטְפֶערְט: צוּ דֶען קֶען מֶען לוֹיבְּן וֶוען סִפְרֵי חַיִּים וְסִפְרֵי מֵתִים זֶענֶען אָפְן אוּן וֶוען דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער מִשְׁפָּט אוֹיפְן כִּסֵּא דִין?

**מִיר** זֶעעְן פוּן דִי גְּמָרָא אַז בֶּאֱמֶת וָואלְט מֶען גֶעדַארְפְט לוֹיבְּן אוּן זָאגְן הַלֵּל אִין דִי טֶעג, וֵוייל דֶער לִיבְּשַׁאפְט פוּנֶעם בַּאשֶׁעפֶער גִיסְט זִיךְ אִיבֶּער אִין דִי טֶעג, אוּן דִי אַהֲבָה וֶועגְט אִיבֶּער דֶער מִדַּת הַדִּין – נָצַח רְחִימוּ דִבְנוֹי לְרְחִימוּ דְּדִינָא, אוּן צוּלִיב דֶעם וָואלְט מֶען גֶעדַארְפְט טַאנְצְן פַאר שִׂמְחָה, אָבֶּער וִוייבַּאלְד דִי סִפְרֵי חַיִּים אוּן דִי סִפְרֵי מֵתִים זֶענֶען אָפְן, פַּאסְט נִישְׁט אַז מֶען זָאגְן הַלֵּל.

**דֶער** עִיקָר וָואס מִיר דַארְפְן גֶעדֶענְקֶען אִין דִי טֶעג אִיז, צוּ זַיין פְּרֵיילִיךְ, תְּשׁוּבָה טוּן מִיט אַ פְרֵיילִיכֶער גֶעמִיט, אוּן גְלֵייבְּן מִיט אֱמוּנָה אוּן בְּטָחוֹן, אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וֶועט אוּנְז פַּארְשְׁרֵייבְּן בְּסֵפֶר הַחַיִּים אוּן עֶר גֵייט אוּנְז גֶעבְּן אַ זִיסֶע גֶעשְׁמַאקֶע יָאר אַ שְׁנַת גְּאוּלָּה וִישׁוּעָה בִּפְרָטִיּוּת וּבִכְלָלִיּוּת.

# אַלֶעס אִיז גֶעוָוואנְדֶען אִין דִי טֶעג

☆ שְׁלֹשָׁה סְפָרִים נִפְתָּחִים ☆ דִי שִׁיטָה פוּן תּוֹסְפוֹת אִין דִי מַאֲמָר פוּן רֶבִּי כְּרוּסְפְּדָאִי ☆ דִי שִׁיטָה פוּנֶעם רַשְׁבָּ"א - רִיטְבָ"א אִין דִי וֶוערְטֶער פוּן רֶבִּי כְּרוּסְפְּדָאִי ☆ דִי דִין פוּן דִי בֵּינוֹנִים בְּלֵייבְּט אוּמְבַּאשְׁטֶעטִיגְט בִּיז יוֹם הַכִּיפּוּרִים ☆ וָואס מֵיינְט דָאס אַ 'בֵּינוֹנִי'

### שְׁלֹשָׁה סְפָרִים נִפְתָּחִים

**עֶס** וֶוערְט גֶעבְּרֶענְגְט אִין גְּמָרָא (רֹאשׁ הַשָּׁנָה ט"ז ע"ב): רֶבִּי כְּרוּסְפְּדָאִי הָאט נָאכְגֶעזָאגְט פוּן רֶבִּי יוֹחָנָן, דְרֵיי סְפָרִים וֶוערְן גֶעעֶפֶענְט אִין רֹאשׁ הַשָּׁנָה, אֵיינֶע אִיז פוּן רְשָׁעִים גְּמוּרִים, אֵיינֶע אִיז פוּן צַדִּיקִים גְּמוּרִים, אוּן אֵיינֶע אִיז פוּן בֵּינוֹנִים. דִי צַדִּיקִים גְּמוּרִים וֶוערְן גְלֵייךְ פַּארְשְׁרִיבְּן אוּן פַארְ'חַתְמ'עט צוּם לֶעבְּן, דִי רְשָׁעִים גְּמוּרִים וֶוערְן גְלֵייךְ פַּארְשְׁרִיבְּן אוּן פַארְ'חַתְמ'עט צוּם טוֹיט, אוּן דִי גְזֵירָה פוּן דִי בֵּינוֹנִים – מִיטֶעלֶע סָארְט מֶענְטְשְׁן, וַוארְט הַשי"ת

מאין יבוא עזרי, אבער ווען מען זעט דער שטריק קומט צוגיין, מען איז זיך מחזק מיט אמונה און בטחון אז דער באשעפער גייט אונז העלפן, דאן ווערט דער גאנצע שרעק גלייך איבערגעדרייט צו שמחה, וויבאלד מען ווייסט אז מען גייט ארויס גיין פון דער שווערע צייט, און מען גייט האבן א גוטע געשמאקע יאר.

בִּיז יוֹם הַכִּפּוּרִים צוּ זֶען אוֹיבּ זֵיי פַארְבֶּעסֶערְן זִיךְ, אוֹיבּ יָא זֶענֶען זֵיי זוֹכֶה צוּ אַ גוּט יָאר. אָבֶּער אוֹיבּ נִישְׁט, זֶענֶען זֵיי חָלִילָה נִישְׁט זוֹכֶה אוֹיף אַ גוּטֶע יָאר.

**בֶּאֱמֶת** דַארְפְן מִיר מַקְדִּים זַיין דָאס וָואס דֶער פְּנֵי יְהוֹשֻׁעַ שְׁרֵייבְּט אוֹיף דִי אוֹיבְּנְדֶערְמַאנְטֶע מֵימְרָא פוּן דִי גְּמָרָא: דָא אִיז פַּאסִיג צוּ פַארְקִירְצֶערְן, אַזוֹי וִוי דִי חֲכָמִים ז"ל הָאבְּן גֶעזָאגְט (חֲגִיגָה י"ג ע"א) 'אִין עִנְיָינִים וָואס זֶענֶען הֶעכֶער פוּן דִיר זָאלְסְטוּ נִישְׁט דַרְשְׁ'נֶען, אוּן אִין זַאכְן וָואס זֶענֶען פַארְהוֹילְן פוּן דִיר זָאלְסְטוּ נִישְׁט חוֹקֵר זַיין'. **אוּן דִי 'סְפָרִים' וָואס דִי גְּמָרָא רֶעדְט דָא דֶערְפוּן, אִיז זִיכֶער אַ הֶעכֶערֶע זַאךְ, אוּן אֵיינֶער פוּן טוֹיזְנְט מֶענְטְשְׁן וֵוייסְט מַשִּׂיג צוּ זַיין דִי מְהוּת אוּן דִי אֵיכוּת פוּן דִי סְפָרִים**[ז]. אָבֶּער וִויבַּאלְד דִי מַסֶּכְתָּא הֵייסְט 'רֹאשׁ הַשָּׁנָה', אוּן דִי עִיקָר פוּן דִי מַסֶּכְתָּא אִיז אִיבֶּער דִי קְדוּשָּׁה פוּן דִי הֵיילִיגֶע יוֹם הַדִּין רֹאשׁ הַשָּׁנָה, וָואס דִי מִצְווֹת הַיּוֹם אִיז תְּקִיעַת שׁוֹפָר, אַזוֹי וִוי עֶס שְׁטֵייט (עָמוֹס ג ו) **אִם יִתָּקַע שׁוֹפָר בְּעִיר וְעָם לֹא יֶחֱרָדוּ** – צוּ דֶען קֶען זַיין אַז אַ שׁוֹפָר זָאל בְּלָאזְן אִין שְׁטָאט אוּן דִי פָאלְק זָאל נִישְׁט מוֹרָא הָאבְּן. **דֶערִיבֶּער זוּכְט יֶעדֶער אִיד צוּ וִויסֶן אַבִּיסְל אִיבֶּער דִי עִנְיָינִים פוּן דִי דִּין אִין דֶעם טָאג.** נִישְׁט נָאר דִי כִּיתּוֹת פוּן דִי צַדִּיקִים אוּן דִי בֵּינוֹנִים וָואס הָאבְּן מוֹרָא פוּן דֶעם יוֹם הַמִּיתָה, נָאר אֲפִילוּ רְשָׁעִים גְּמוּרִים וָואס לֵייגְן נִישְׁט צוּ דָאס הַארְץ צוּ דִי עִנְיָינִים פוּן עוֹלָם הַבָּא, אֲפִילוּ אַזוֹי הָאט זֵייעֶר הַארְץ מוֹרָא אוּן עֶס רִירְט זִיךְ פוּן פְּלַאץ פוּן פַּחַד פוּן דִי דִּין פוּן מִיתָה. דֶערִיבֶּער בִּין אִיךְ מְחוּיָיב אַבִּיסְל צוּ פַאבְּרֵייטֶערְן אִין דִי עִנְיָינִים, אַרֵיינְצוּטְרַאכְטְן אוּן צוּ פַארְשְׁטֵיין דִי פַּשְׁטוּת פוּן דִי אַלֶע מַאֲמָרִים פוּן דִי גְּמָרָא. (עכ"ל הַפְּנֵי יְהוֹשֻׁעַ)

**אַזוֹי** אוֹיךְ וֶועלְן מִיר נִישְׁט אַרֵיינְגֵיין אִין עִנְיָינִים וָואס זֶענֶען הֶעכֶער וִוי אוּנְז, נָאר זִיךְ מְעוֹרֵר צוּ זַיין צוּ טוּעֶן וָואס מִיר דַארְפְן טוּעֶן אִין דִי טֶעג, כְּדֵי אַז מִיר זָאלְן זוֹכֶה זַיין צוּ וֶוערְן פַארְשְׁרִיבְּן אִין דִי סֵפֶר פוּן דִי צַדִּיקִים גְּמוּרִים, לְאַלְתַּר לְחַיִּים טוֹבִים וּלְשָׁלוֹם.

**דִי** זְמַנִּים זֶענֶען צֵייטְן וָואס מִיר דַארְפְן זִיךְ עֶקְסְטֶער מְעוֹרֵר זַיין, אַזוֹי עֶס שְׁטֵייט אִין מְאִירִי (רֹאשׁ הַשָּׁנָה ט"ז ע"ב, ד"ה אע"פ): כָאטְשׁ וָואס עֶס אִיז פַּאסִיג אַז אַ מֶענְטְשׁ זָאל נָאכְזוּכְן זַיינֶע מַעֲשִׂים יֶעדְן טָאג, כְּדֵי אַז עֶר זָאל זִיךְ קֶענֶען אוּמְקֶערְן פוּן זַיינֶע שְׁלֶעכְטֶע וֶועגְן, אַזוֹי וִוי חֲזַ"ל זָאגְן אִין מַסֶּכֶת אָבוֹת (פֶּרֶק ב' מִשְׁנָה י') **שׁוּב יוֹם אֶחָד לִפְנֵי מִיתָתְךָ** – קֶער זִיךְ צוּרִיק אֵיין טָאג פַאר דַיין שְׁטַארְבְּן, אוּן אַ מֶענְטְשׁ וֵוייסְט דָאךְ נִישְׁט וֶוען דִי טָאג פוּן זַיין שְׁטַארְבֶּן

---

**ז.** אין ספר החינוך (מצווה שי"א) שטייט אז די דריי 'ספרים' וואס ווערן דערמאנט אין גמרא זענען נישט ממש קיין ספרים, נאר עס איז א משל אויף דעם וואס דער באשעפער איז דן די גאנצע בריאה און ער ווייסט און געדענקט ווער עס איז א צדיק און ווער עס איז א בינוני אדער ח"ו א רשע, פונקט ווי עס וואלט ווען געווען אראפגעשריבן אויף יענע וועלט. און די חכמים האבן גערעדט מיט משלים וואס זענען ענליך צו די מציאות פון די וועלט, כדי אז די נמשל זאל ווערן גוט פארשטאנען דורך די מענטשן כדי מעורר צו זיין די אידן צו תשובה.

וֶועט אָנְקוּמֶען. פוּנְדֶעסְטְוֶועגְן אִיז אָבֶּער פַּאסִיג אַז אַ מֶענְטְשׁ זָאל זִיךְ שְׁטֶערְקֶער מְעוֹרֵר זַיין אִין דִי זְמַן – רֹאשׁ הַשָּׁנָה.

**חֲזַ"ל** הָאבְּן דָאס עֶרקְלֶערְט מִיט אַ מָשָׁל, אַז אִין רֹאשׁ הַשָּׁנָה וֶוערְן גֶעעֶפֶענְט דְרֵיי סְפָרִים, אֵיינֶע פוּן רְשָׁעִים, אֵיינֶע פוּן צַדִיקִים, אוּן אֵיינֶע פוּן בֵּינוֹנִים. דָאס מֵיינְט אַז יֶעדֶער אֵיינֶער וֶוערְט גֶע'מִשְׁפָּט לוֹיְט זַיינֶע מַעֲשִׂים. אוּן אַ מֶענְטְשׁ דַארְף זִיךְ מְעוֹרֵר זַיין אוּן נָאכְזוּכְן אִין זַיינֶע מַעֲשִׂים, אוּן זִיךְ אוּמְקֶערְן פוּן אַלֶע זַיינֶע עֲבֵירוֹת, אוּן דֶער וָואס אִיז פַארְנַאכְלֶעסִיג אִין דִי צַייט פוּן צוּ טוּעֶן תְּשׁוּבָה הָאט נִישְׁט קַיין חֵלֶק בַּה' אֱלוֹקֵי יִשְׂרָאֵל, וַוייל אִין דִי גַאנְצֶע יָאר טְרֶעפְט זִיךְ נִישְׁט אַזַא הִתְעוֹרְרוּת.

## דִי שִׁיטָה פוּן תּוֹסְפוֹת אִין דִי מַאֲמָר פוּן רֶבִּי כְּרוּסְפְּדָאִי

**עֶס** אִיז פַארְהַאן אַ מַחְלוֹקֶת צְוִוישְׁן דִי רִאשׁוֹנִים, אִין דִי אוֹיבְּנְדֶערְמַאנְטֶע מַאֲמָר חֲזַ"ל, אִיבֶּער דִי דְרֵיי סְפָרִים וָואס וֶוערְן גֶעעֶפֶענְט רֹאשׁ הַשָּׁנָה, לוֹיְט תּוֹסְפוֹת (שֵׁם ד"ה וְנֶחְתָּמִין לְאַלְתַּר לְחַיִּים) מֵיינְט דָאס אַז מֶען פַארְשְׁרֵייבְּט דִי צַדִיקִים אַז זֵיי זָאלְן זוֹכֶה זַיין צוּ עוֹלָם הַבָּא, אוּן מֶען פַארְשְׁרֵייבְּט דִי רְשָׁעִים צוּם טוֹיט דָאס מֵיינְט אַז זֵיי זָאלְן נִישְׁט הָאבְּן קַיין עוֹלָם הַבָּא. אוּן תּוֹסְפוֹת וַוייזְט אוֹיף אַז אִיר שִׁיטָה אִיז רִיכְטִיג, פוּן דָאס וָואס עֶס שְׁטֵייט אִין גְּמָרָא (קִידוּשִׁין ל"ט ע"ב) אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער בַּאצָאלְט פַאר דִי רְשָׁעִים אוֹיף דִי וֶועלְט אַזוֹי וִוי זֵיי וָואלְטְן וֶוען מְקַיָים גֶעוֶוען דִי גַאנְצֶע תּוֹרָה אוּן זֵיי וָואלְטְן נִישְׁט פַארְפֶעלְט אֲפִילוּ אֵיין אוֹת, אוּן דָאס אַלֶעס אִיז כְּדֵי זֵיי זָאלְן נִישְׁט הָאבְּן קַיין עוֹלָם הַבָּא. אָבֶּער דִי צַדִיקִים קוּמֶען אָפּ אוֹיף זֵייעֶרֶע עֲבֵירוֹת אוֹיף דִי וֶועלְט כְּדֵי זֵיי זָאלְן הָאבְּן עוֹלָם הַבָּא בִּשְׁלֵימוּת.

**אוּן** אִין דִי חִידוּשֵׁי הָרַשְׁבָּ"א (שֵׁם ד"ה הָא דְּרַבִּי כְּרוּסְפְּדָאִי) בְּרֶענְגְט דֶער רַשְׁבָּ"א אַרָאפּ דִי פֵּירוּשׁ פוּן תּוֹסְפוֹת, אוּן דֶער רַשְׁבָּ"א וואוּנְדֶערְט זִיךְ אוֹיף דִי שִׁיטָה פוּן תּוֹסְפוֹת, וַוייל עֶס אִיז דָאךְ בַּאקַאנְט (קִידוּשִׁין מ' ע"ב) אַז אוֹיבּ אַ מֶענְטְשׁ הָאט גֶעזִינְדִיגְט זַיין גַאנְץ לֶעבְּן אוּן צוּם סוֹף אִין דִי לֶעצְטֶע מִינוּט הָאט עֶר תְּשׁוּבָה גֶעטוּעֶן אִיז עֶר זוֹכֶה לְחַיֵּי הָעוֹלָם הַבָּא, אוּן דִי זֶעלְבֶּע אִיז פַארְקֶערְט, אוֹיבּ אַ מֶענְטְשׁ וָואס הָאט גֶעטוּעֶן פִּיל מִצְוֹות זַיין גַאנְץ לֶעבְּן וֶוערְט רח"ל אַ רָשָׁע אִיז זַיין לֶעצְטְן טָאג (אוּן עֶר הָאט חֲרָטָה אוֹיף זַיינֶע גוּטֶע מַעֲשִׂים) דֶעמָאלְטְס פַארְלִירְט עֶר אַלֶע זַיינֶע זְכוּתִים. אוֹיבּ אַזוֹי, וִוי אִיז שַׁייךְ אַז מֶען זָאל פַארְשְׁרֵייבְּן אוּן פַארְ'חַתְמְ'נֶען 'לְאַלְתַּר' גְלֵייך יֶעדְן רֹאשׁ הַשָּׁנָה צוּ דֶער מֶענְטְשׁ זָאל זוֹכֶה זַיין צוּ עוֹלָם הַבָּא אָדֶער חָלִילָה נִישְׁט. עֶס וֶוענְדֶט זִיךְ דָאךְ אִין דִי לֶעצְטֶע מִינוּטְן פוּנֶעם מֶענְטְשְׁ'ס לֶעבְּן.

**מֶען** קֶען פַארְעֶנְטְפֶערְן דִי קַשְׁיָא פוּן דֶער הֵיילִיגֶער רַשְׁבָּ"א, לוֹיְט וָואס עֶס שְׁטֵייט אִין מַהַרְשָׁ"א (שם חִידוּשֵׁי אַגָּדוֹת ד"ה ג' סְפָרִים), אַז צַדִיקִים וֶוערְן אָנְגֶערוּפְן 'לֶעבֶּעדִיג' אֲפִילוּ וֶוען זֵיי שֵׁיידְן זִיךְ פוּן דִי וועלְט, אוּן דִי רְשָׁעִים וֶוערְן אָנְגֶערוּפְן 'טוֹיט' אֲפִילוּ וֶוען זֵיי זֶענֶען נָאךְ יָא אוֹיף דִי וֶועלְט. אוּן דֶערִיבֶּער אֲפִילוּ וֶוען מֶען חַתְמ'עט אוֹיף אַ צַדִיק אַז עֶר דַארְף זִיךְ שֵׁיידְן פוּן דִי וֶועלְט, הֵייסְט דָאס נָאכְאַלְץ 'לְאַלְתַּר לְחַיִּים', וַוייל אַרוֹיפְגֵיין צוּם עוֹלָם הָאֱמֶת וֶוערְט נִישְׁט פַארְעֶכְנְט אַלְס דִי

טויט לְגַבֵּי צַדִּיקִים. און בַּיי רְשָׁעִים אִיז פּוּנְקְט פַּארְקֶערְט, אֲפִילוּ אויב מֶען פַּסְקְ'נְט אַז זֵיי קֶענֶען זִיךְ וַוייטֶער דְרֵייעֶן אויף דִי וֶועלְט, כְּדֵי זֵיי צוּ בַּאצָאלְן אויף דִי בִּיסְל גוּטֶע זַאכְן וָואס זֵיי הָאבְּן גֶעטוּען, וֶוערְט דָאס אָבֶער פַארֶעכְנְט פַאר זֵיי אַלְס 'לְאַלְתַּר לְמִיתָה', וַוייל זֵייעֶר לֶעבְּן אִיז קַיין לֶעבְּן נִישְׁט, און דִי גַאנְצֶע תַּכְלִית פוּן זֵייעֶר לֶעבְּן אִיז נָאר כְּדֵי זֵיי זָאלְן נִישְׁט זוֹכֶה זַיין צוּ עוֹלָם הַבָּא, דֶערִיבֶּער אִיז זֵייעֶר לֶעבְּן נָאךְ עֶרְגֶער פוּנֶעם טויט. און דֶער מַהַרְשָׁ"א שְׁרֵייבְּט אַז דָאס אִיז דִי כַּוָּונָה פוּן תּוֹסְפוֹת.

**און** מִיט דֶעם אִיז פַארֶענְטְפֶערְט דִי קַשְׁיָא פוּנֶעם רַשְׁבָּ"א, און מִיר פַארְשְׁטֵייעֶן שׁוֹין גוּט דִי פָּשַׁט פוּן תּוֹסְפוֹת, אַז יֶעדֶע יָאר אִין רֹאשׁ הַשָּׁנָה וֶוערְט גֶע'פַּסְקְ'נְט אויב דֶער צַדִּיק זָאל בְּלֵייבְּן לֶעבְּן אויף דִי וֶועלְט און אויב עֶר זָאל זִיךְ אָנְזַאמְלֶען נָאךְ מִצְווֹת, אָדֶער עֶר זָאל אַרוֹיפְגֵיין און לֶעבְּן אויף דִי קוּמֶענְדִיגֶע וֶועלְט און בַּאקוּמֶען בַּאצָאלְט אויף אַלֶע מִצְווֹת וָואס עֶר הָאט גֶעטוּען. און דִי זֶעלְבֶּע פַּסְקְ'נְט מֶען יֶעדֶע רֹאשׁ הַשָּׁנָה לְגַבֵּי דֶעם רָשָׁע, אויב עֶר זָאל שְׁטַארְבְּן און אַרוֹיפְגֵיין צוּם קוּמֶענְדִיגְן וֶועלְט און בַּאקוּמֶען זַיין שְׁטְרָאף אויף אַלֶע זַיינֶע עֲבֵירוֹת, אָדֶער עֶר זָאל לֶעבְּן אַ 'טוֹיטֶע לֶעבְּן' אויף דִי וֶועלְט כְּדֵי עֶר זָאל אַרוֹיפְגֵיין שְׁפֶּעטֶער אָהְן קַיין שׁוּם זְכוּת.

**פון דֶעם זֶעהְן מִיר וִוי וַוייט עֶס גֵייט דִי דִין פוּן רֹאשׁ הַשָּׁנָה, אַז מֶען פַּסְקְ'נְט נִישְׁט נָאר אויב מֶען זָאל לֶעבְּן אָדֶער שְׁטַארְבְּן בְּגַשְׁמִיּוּת אויף דִי וֶועלְט, נָאר מֶען וֶוערְט פַארְשְׁרִיבְּן און פַארְ'חַתְמְ'עט סַיי אויף דִי גַשְׁמִיּוּת'דִיגֶע וֶועלְטְלִיכֶע לֶעבְּן און סַיי אויף דִי רוּחְנִיּוּת'דִיגֶע אֵייבִּיגֶע לֶעבְּן. און דִי צַדִּיקִים וֶוערְן פַארְשְׁרִיבְּן אויף אַן אֵייבִּיגֶע לֶעבְּן, סַיי אויף דִי וֶועלְט – אַז אַלֶעס וָואס זֵיי וֶועלְן אַרִיבֶּערְגֵיין בְּמֶשֶׁךְ דִי יָאר וֶועט זֵיי צוּבְּרֶענְגֶען צוּ אַן אֵייבִּיגְן גוּטְס, און סַיי אויף יֶענֶע וֶועלְט – וואוּ עֶס וֶועט זֵיי פַאר אֵייבִּיג גוּט זַיין. און דִי רְשָׁעִים וֶוערְן פַארְשְׁרִיבְּן אויף אַן אֵייבִּיגְן טוֹיט, סַיי אויף יֶענֶע וֶועלְט – אַז זֵיי וֶועלְן שְׁטַארְבְּן אַן אֵייבִּיגְן טוֹיט, און סַיי אויף דִי וֶועלְט – אַז אַלֶע תַּעֲנוּגִים וָואס זֵיי וֶועלְן הָאבְּן אויב זֵיי וֶועלְן בְּלֵייבְּן אויף דִי וֶועלְט אִיז נָאר כְּדֵי זֵיי זָאלְן שְׁפֶּעטֶער שְׁטַארְבְּן אָהְן קַיין שׁוּם זְכוּת.**

## דִי שִׁיטָה פוּנֶעם רַשְׁבָּ"א - רִיטְבָּ"א אִין דִי וֶוערְטֶער פוּן רֶבִּי כְּרוּסְפְּדָאִי

**אָבֶער** דֶער רַשְׁבָּ"א קְרִיגְט זִיךְ אויף תּוֹסְפוֹת, און עֶר עֶרְקְלֶערְט אַז דִי גְמָרָא בַּאצִיעֶט זִיךְ נִישְׁט צוּ פְּשׁוּטֶ'ע לֶעבְּן און טויט, נָאר צוּ דִי גוּטְס און שְׁלֶעכְטְס וָואס מֶענְטְשְׁן בַּאקוּמֶען בְּמֶשֶׁךְ דֶעם יָאר. דְהַיְינוּ, דָאס וָואס עֶס שְׁטֵייט אִין גְמָרָא (קִידוּשִׁין ל"ט ע"ב) אַז דִי רְשָׁעִים בַּאקוּמֶען אויף דִי וֶועלְט זֵייעֶר שְׂכַר אויף דִי מִצְווֹת וָואס זֵיי הָאבְּן יָא גֶעטוּען, און דִי צַדִּיקִים וֶוערְן גֶערֵיינִיגְט אויף דִי וֶועלְט פוּן זֵייעֶרֶע עֲבֵירוֹת, דָאס אִיז ווִיבַּאלְד עֶס זֶענֶען פַארְהַאן מִצְווֹת וָואס מֶען בַּאקוּמְט בַּאצָאלְט אויף דֶעם אויף דִי וֶועלְט, און אויב אַ רָשָׁע וֶועט מְקַיֵּים זַיין אֵיינֶע פוּן דִי מִצְווֹת וֶועט עֶר וֶוערְן בַּאלוֹינְט אויף דִי וֶועלְט, און אַזוֹי אויךְ זֶענֶען פַארְהַאן עֲבֵירוֹת אויף וָואס מֶען וֶוערְט גֶעשְׁטְרָאפְט אויף דִי וֶועלְט, און אויב אַ צַדִּיק וֶועט ח"ו עוֹבֵר זַיין

אויף אַזאַ עֲבֵירָה וֶועט עֶר וֶוערן גֶעשְׁטְרָאפְט אויף דִי וֶועלְט.

**אָבֶּער** רֶבִּי כְּרוּסְפְּדָאִי בַּאצִיעֶט זִיךְ צוּ צַדִּיקִים גְּמוּרִים וָואס פַּארְמָאגְן נִישְׁט דִי סָארְט עֲבֵירוֹת אויף וָואס מֶען דַארְף אָפְּקוּמֶען אויף דִי וֶועלְט, און אַזוֹי אויף בַּאצִיעֶט עֶר זִיךְ צוּ רְשָׁעִים גְּמוּרִים וָואס פַּארְמָאגְן נִישְׁט דִי סָארְט מִצְוֹת אויף וָואס מֶען וֶוערְט בַּאלוֹינְט אויף דִי וֶועלְט. און אויף דִי צַדִּיקִים גְּמוּרִים זָאגְט רֶבִּי כְּרוּסְפְּדָאִי אַז זֵיי וֶוערְן פַארְשְׁרִיבְּן לְאַלְתַּר לְחַיִּים, אַז זֵיי וֶועלְן הָאבְּן אַ גוּטֶע און זִיסֶע יָאר, ווִיבַּאלְד זֵיי דַארְפְן נִישְׁט אָפְּקוּמֶען מִיט קַיין יִסוּרִים אויף קַיין שׁוּם עֲבֵירָה. און אויף דִי רְשָׁעִים גְּמוּרִים זָאגְט רֶבִּי כְּרוּסְפְּדָאִי אַז זֵי וֶוערְן פַארְשְׁרִיבְּן און פַארְ'חַתְם'עט לְאַלְתַּר לַמִּיתָה, אַז זֵיי וֶועלְן נִישְׁט הָאבְּן קַיין שׁוּם גוּטְס אויף דִי וֶועלְט, ווַייל זֵיי פַּארְמָאגְן נִישְׁט קַיין שׁוּם מִצְוָה וָואס צוּלִיבּ דֶעם זָאל מֶען זֵיי דַארְפְן בַּאלוֹינֶען אויף דִי וֶועלְט.

**און** אַזוֹי אִיז אויךְ מַשְׁמַע אַז דָאס אִיז דִי שִׁיטָה פוּן דֶער רִיטְבָ"א (שם ד"ה אָמַר), ווַייל דֶער רִיטְבָ"א שְׁרֵייבְּט: דִי דִין פוּן רֹאשׁ הַשָּׁנָה, אִיז אִין דִי עִנְיָנִים פוּן עוֹלָם הַזֶּה, אִיבֶּער אַלֶעס וָואס דַארְף זַיין אִין דִי קוּמֶענְדִיגֶע יָאר, סַיי פַּאר אַ כְּלַל (אַ קְהִילָה וּכְדוֹ') און סַיי פַּאר אַ פְּרַט (אַן אֵיינְצִיגֶער מֶענְטְשׁ) – לוֹיְט זֵייעֶרֶע מַעֲשִׂים, צוּ זֵיי זָאלְן הָאבְּן אַ גוּטְן לֶעבְּן מִיט אַלֶע גַשְׁמִיּוֹת'דִיגֶע הֲנָאוֹת, אָדֶער זָאלְן זֵיי שְׁטַארְבְּן אָדֶער לֶעבְּן אַ לֶעבְּן פוּן צַעַר אָדֶער יִסוּרִים וְכַדוֹמֶה. אָבֶּער מֶען פַּסְקְ'נְט נִישְׁט רֹאשׁ הַשָּׁנָה אִיבֶּער זַאכְן פוּן נְשָׁמוֹת אויף יֶענֶע וֶועלְט, ווַייל מֶען אִיז נָאר גוֹזֵר זַאכְן וָואס מֶען קֶען גְלֵייךְ עֶנְדִיגְן. (עכ"ל)

### דִי דִין פוּן דִי בֵּינוֹנִים בְּלֵייבְּט אוּמְבַּאשְׁטֶעטִיגְט בִּיז יוֹם הַכִּפּוּרִים

**עֶס** שְׁטֵייט אִין תּוֹסְפוֹת (רֹאשׁ הַשָּׁנָה ט"ז ע"ב, ד"ה וְנֶחְתָּמִין לְאַלְתַּר) אַז אַ בֵּינוֹנִי הֵייסְט אֵיינֶער וָואס דִי צָאל און דִי וָואג פוּן זַיינֶע מִצְוֹת און עֲבֵירוֹת זֶענֶען גְלֵייךְ[ח].

**עֶס** שְׁטֵייט אִין גְּמָרָא מַסֶּכֶת קִידוּשִׁין (מ' ע"א): שְׁטֶענְדִיג זָאל אַ מֶענְטְשׁ זִיךְ בַּאטְרַאכְטְן כְּאִילוּ עֶר אִיז הַאלְבּ חַיֵּיב און הַאלְבּ זַכַּאי, אַז זַיינֶע עֲבֵירוֹת און זְכוּתִים זֶענֶען פוּנְקְט הַאלְבּ אויף הַאלְבּ. און אוֹיבּ עֶר הָאט גֶעטוּען אֵיין מִצְוָה – ווָאוּיל אִיז

ח. אבער לויט דער ר"ן וואס גייט מיט די אויבנדערמאנטע שיטה פון דער רשב"א, ווערן די מענטשן געגרופן צדיקים/בינונים/רשעים לויט זייער שטאנד לגבי די דין פון ראש השנה. דהיינו, אויב א רשע האט געטוען איין מצווה וואס עס איז קלאר אז צוליב דעם דארף מען אים באלוינען מיט א גוט געבענטשטע יאר, ווערט ער אנגערופן מיטן טיטל 'צדיק' לגבי די דין פון ראש השנה. און אזוי אויך אויב א צדיק האט לוידער עובר געווען אן עבירה וואס צוליב דעם איז קלאר אז ער וועט ח"ו דארפן אפקומען מיט ייסורים וכדו', ווערט ער לגבי די דין פון ראש השנה אנגערופן מיטן טיטל 'רשע'. און א מענטש וואס האט געטוען עטליכע מצוות און עבירות וואס ער דארף באלוינט און באשטראפט ווערן דערפאר אויף די וועלט, און עס איז נישט פשוט און קלאר וואס עס דארף פאסירן מיט אים אין די קומענדיגע יאר, אזא מענטש ווערט אנגערופן א 'בינוני'.

אִים אַז עֶר הָאט זִיךְ מַכְרִיעַ גֶעוֶועֶן לְכַף זְכוּת, אַז זַיינֶע מִצְווֹת הָאבְּן אִיבֶּערְגֶעוואוֹיגְן אִיבֶּער זַיינֶע עֲבֵירוֹת. און אוֹיבּ עֶר הָאט עוֹבֵר גֶעוֶועֶן אֲפִילוּ אוֹיף אֵיין עֲבֵירָה – ווֵיי אִיז אִים אַז צוּלִיבּ דִי אֵיינֶע עֲבֵירָה הָאבְּן זַיינֶע עֲבֵירוֹת אִיבֶּערְגֶעוואוֹיגְן אִיבֶּער זַיינֶע מִצְווֹת. אַזוֹי ווִי עֶס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק (קֹהֶלֶת ט יח) **וְחוֹטֶא אֶחָד יְאַבֵּד טוֹבָה הַרְבֵּה** – מִיט אֵיין זִינְד קֶען מֶען פַארְלִירְן פִּיל גוּטְס.

**רֶבִּי** אֶלְעָזָר בֶּן רֶבִּי שִׁמְעוֹן זָאגְט: ווִיבַּאלְד דִי ווֶעלְט ווֶערְט גֶע'מִשְׁפָּט לוֹיְט רוֹב מֶענְטְשְׁן, און ווִיבַּאלְד דֶער יָחִיד ווֶערְט גֶע'מִשְׁפָּט לוֹיְט רוֹב פוּן זַיינֶע מַעֲשִׂים, קוּמְט אוֹיס אַז אוֹיבּ הָאט אֵיין מֶענְטְשׁ גֶעטוּעֶן אֵיין מִצְוָוה (און דִי ווֶעלְט אִיז גֶעוֶועֶן הַאלְבּ אוֹיף הַאלְבּ רְשָׁעִים אַנְטְקֶעגְן צַדִיקִים, און עֶר אַלֵיין אִיז גֶעוֶועֶן אַ הַאלְבֶּע צַדִיק און אַ הַאלְבֶּע רָשָׁע) ווֹאוֹיל אִיז אִים אַז עֶר הָאט מַכְרִיעַ גֶעוֶועֶן סַיי זִיךְ און סַיי דִי גַאנְצֶע ווֶעלְט לְכַף זְכוּת. און אוֹיבּ הָאט עֶר עוֹבֵר גֶעוֶועֶן אוֹיף אֵיין עֲבֵירָה, דַאן אִיז אָךְ און ווֵיי צוּ אִים אַז עֶר הָאט מַכְרִיעַ גֶעוֶועֶן סַיי זִיךְ און סַיי דִי גַאנְצֶע ווֶעלְט לְכַף חוֹבָה. און רֶבִּי אֶלְעָזָר בֶּן רֶבִּי שִׁמְעוֹן טַייטְשְׁט דָאס אֵיין אִין דִי אוֹיבְּנְדֶערְמַאנְטֶע פָּסוּק "וְחוֹטֶא אֶחָד יְאַבֵּד טוֹבָה הַרְבֵּה" – מִיט אֵיין זִינְד פוּן אֵיין מֶענְטְשׁ, קֶען עֶר און דִי גַאנְצֶע ווֶעלְט פַארְלִירְן פִּיל גוּטְס. (עכ"ל הַגְּמָרָא)

**מִיר** זֶעהְן אִין רַמְבַּ"ם (הל' תְּשׁוּבָה פ"ג ה"ד) ווִי דֶער רַמְבַּ"ם פַּסְקְ'נְט דָאס לַהֲלָכָה, דֶער הֵיילִיגֶער רַמְבַּ"ם שְׁרַייבְּט: כָאטְשׁ ווָאס תְּקִיעַת שׁוֹפָר אוּם רֹאשׁ הַשָּׁנָה אִיז אַ גְּזֵירַת הַכָּתוּב (מִיר ווֵייסְן נִישְׁט דֶערוֹיף קַיין פַארְשְׁטֶענְדְלִיכֶע טַעַם), אִיז דָא אִין דֶעם אַ רֶמֶז, דְהַיְינוּ:

**ווֶועקְטְס עֶנְק אוֹיף שְׁלָאפֶעדִיגֶע פוּן עֶנְקֶער שְׁלָאף! און דְרִימְלְדִיגֶע שְׁטֵייטְס אוֹיף פוּן עֶנְקֶער דְרִימְל! און קוּקְטְס גוּט דוּרְךְ עֶנְקֶערֶע מַעֲשִׂים! און קֶערְטְס עֶנְק צוּרִיק מִיט תְּשׁוּבָה! און דֶערְמַאנְטְס עֶנְק אִין עֶנְקֶער בַּאשֶׁעפֶער!**

**מֶענְטְשְׁן ווָאס פַארְגֶעסְן דֶעם אֱמֶת דוּרְךְ דִי גַשְׁמִיוּת'דִיגֶע זַאכְן ווָאס רוּקְן זִיךְ אוּנְטֶער כְּסֵדֶר, און זֶענֶען פַארְנוּמֶען אַלֶע זַייעֶרֶע טֶעג מִיט הֶבֶל ווָרִיק ווָאס הֶעלְפְט נִישְׁט און רַאטֶעוֶועט נִישְׁט – קוּקְטְס אַרַיין אִין עֶנְקֶערֶע נְפָשׁוֹת! און פַארְבֶּעסֶערְט עֶנְקֶערֶע ווֶועגְן און מַעֲשִׂים! און יֶעדֶער אֵיינֶער פוּן עֶנְק זָאל אָפְּלָאזְן זַיין שְׁלֶעכְטֶע ווֶועג און זַיינֶע נִישְׁט גוּטֶע מַחֲשָׁבוֹת!**

**דֶערִיבֶּער** דַארְף זִיךְ אַ מֶענְטְשׁ בַּאטְרַאכְטְן אַ גַאנְץ יָאר, כְּאִילוּ עֶר אִיז הַאלְבּ זַכַּאי און הַאלְבּ חַיָיב, און אַזוֹי אוֹיךְ דַארְף עֶר בַּאטְרַאכְטְן דִי גַאנְצֶע ווֶעלְט, כְּאִילוּ דִי ווֶעלְט אִיז הַאלְבּ זַכַּאי און הַאלְבּ חַיָיב – אוֹיבּ הָאט עֶר גֶעטוּעֶן אֵיין עֲבֵירָה הָאט עֶר מַכְרִיעַ גֶעוֶועֶן - זִיךְ און דִי גַאנְצֶע ווֶעלְט – לְכַף חוֹבָה, און עֶר הָאט גוֹרֵם גֶעוֶועֶן אַ חוּרְבְּן אוֹיף דִי גַאנְצֶע ווֶעלְט. און אוֹיבּ עֶר הָאט גֶעטוּעֶן אֵיין מִצְוָוה, הָאט עֶר מַכְרִיעַ גֶעוֶועֶן - זִיךְ און דִי גַאנְצֶע ווֶעלְט – לְכַף זְכוּת, און עֶר הָאט גוֹרֵם גֶעוֶועֶן אַ תְּשׁוּעָה און הַצָּלָה פַאר דִי גַאנְצֶע ווֶעלְט, אַזוֹי ווִי עֶס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק (מִשְׁלֵי י כה) **וְצַדִּיק יְסוֹד עוֹלָם** – דֶער צַדִיק אִיז דִי יְסוֹד פוּן דִי גַאנְצֶע ווֶעלְט, ווַייל דִי גַאנְצֶע ווֶעלְט שְׁטֵייט אִין זַיין זְכוּת, ווַייל עֶר הָאט מַכְרִיעַ

גֶעוֶוען די גַאנְצֶע וֶועלְט לְכַף זְכוּת און עֶר הָאט דוּרְכְדֶעם גֶערַאטֶעוֶועט די גַאנְצֶע וֶועלְט.

**און** צוּלִיבּ דֶעם פִּירְן זִיךְ אַלֶע אִידְן, צוּ פַּארְמֶערְן צְדָקָה און מַעֲשִׂים טוֹבִים און עוֹסֵק צוּ זַיין אִין מִצְוֹת אִין די טֶעג פוּן רֹאשׁ הַשָּׁנָה בִּיז יוֹם הַכִּיפּוּרִים נָאךְ מֶער ווי אַ גַאנְץ יָאר. און אַלֶע אִידְן פִּירְן זִיךְ אוֹיפְצוּשְׁטֵיין בַּיינַאכְט אִין די צֶען טֶעג, און מִתְפַּלֵל צוּ זַיין אִין די בָּתֵּי כְּנֶסֶת מִיט דִּבְרֵי תַּחֲנוּנִים און כִּיבּוּשִׁין (סְלִיחוֹת) בִּיז די טָאג שַׁיינְט אוֹיף. (עכ"ל הָרַמְבָּ"ם)

**לִכְאוֹרָה** דַארְף מֶען פַארְשְׁטֵיין, אוֹיבּ מֶען דַארְף בַּאטְרַאכְטְן, זִיךְ און די גַאנְצֶע וֶועלְט, כְּאִילוּ מֶען אִיז הָאלְבּ זַכַּאי און הָאלְבּ חַיָּיב, און מִיט אֵיין מִצְוָה גֵייט מֶען אַרוֹיס זַכַּאי בַּדִּין, און מִיט אֵיין עֲבֵירָה קֶען מֶען חָלִילָה מַכְרִיעַ זַיין די גַאנְצֶע וֶועלְט לְכַף חוֹבָה. אוֹיבּ אַזוֹי פַארְוָואס דַארְף מֶען פַארְמֶערְן אִין די עֲשֶׂרֶת יְמֵי תְּשׁוּבָה מִיט צְדָקָה תְּשׁוּבָה און מַעֲשִׂים טוֹבִים, אֵיין מִצְוָה אִיז דָאךְ גֶענוּג כְּדֵי מַכְרִיעַ צוּ זַיין זִיךְ און די גַאנְצֶע וֶועלְט לְכַף זְכוּת?[ט]

**אוֹיךְ** דַארְפְן מִיר פַארְשְׁטֵיין, וָואס אִיז די שַׁייכוּת און די קֶשֶׁר צְווִישְׁן די שׁוֹפָר וָואס וֶועקְט אוֹיף די שְׁלָאפֶעדִיגֶע אִידְן און דָאס אַז אַ מֶענְטְשׁ דַארְף זִיךְ שְׁטֶענְדִיג בַּאטְרַאכְטְן כְּאִילוּ עֶר פַארְמָאגְט הַאלְבּ מִצְוֹת און הָאלְבּ עֲבֵירוֹת.

**אַזוֹי** אוֹיךְ אִיז שְׁוֶוער די קַשְׁיָא פוּן דֶער הֵיילִיגֶער פְּנֵי יְהוֹשֻׁעַ – פַארְוָואס עֶפֶּענְט מֶען אַ סֵפֶר פַאר די בֵּינוֹנִים? די בֵּינוֹנִים וֶוערְן דָאךְ נִישְׁט גֶע'מִשְׁפָּט אִין רֹאשׁ הַשָּׁנָה, און מֶען שְׁרֵייבְּט גָארְנִישְׁט און מֶען חַתְמ'עט גָארְנִישְׁט אוֹיף זֵיי אוּם רֹאשׁ הַשָּׁנָה.

**און** עֶר פְרֶעגְט דָארְט נָאךְ מֶער בְּשֵׁם דֶער הֵיילִיגֶער רִי"ף – פַארְוָואס פֶעלְט בִּכְלָל אוֹיס אַ סְפֶּעצְיעֶלֶע סֵפֶר פַאר די בֵּינוֹנִים? פַארְוָואס קֶען מֶען נִישְׁט אַרֵיינְשְׁרֵייבְּן אִין די סֵפֶר פוּן די צַדִּיקִים אַלֶע בֵּינוֹנִים וָואס זֶענֶען לְמַעֲשֶׂה אַרוֹיס זַכַּאי בַּדִּין, און אִין די סֵפֶר פוּן די רְשָׁעִים קֶען מֶען אַרֵיינְשְׁרֵייבְּן אַלֶע בֵּינוֹנִים וָואס זֶענֶען לְמַעֲשֶׂה אַרוֹיס חַיָּיב בַּדִּין.

**ט.** פשוט פשט פון די גמרא אז מען דארף זיך שטענדיג באטראכטן, כאילו מען איז האלב זכאי און האלב חייב וכו', איז אז א מענטש דארף זיך שטענדיג מעורר זיין ווען ער שטייט פאר א מצווה, אז עס קען זיין אז די גאנצע וועלט איז האלב זכאי און האלב חייב, און די דאזיגע מצווה וועט ראטעווען די גאנצע וועלט. און אזוי אויך ווען א מענטש האט א נסיון, אפילו מיט א קליינע עבירה, דארף ער אריינטראכטן אז נישט קיין חילוק ווי קליין די עבירה זעהט אויס קען דאס אבער צוברענגען א חורבן אויף די גאנצע וועלט. – ממילא אפילו נאכדעם וואס דער מענטש האט געטוען איין מצווה, דארף ער נאכאלץ טראכטן אז אפשר זענען די זכותים און עבירות פון די גאנצע וועלט ערשט יעצט געווארן האלב אויף האלב, און דעריבער דארף ער יעצט טוען נאך איין מצווה כדי מכריע צו זיין די גאנצע וועלט לכף זכות – און אזוי ווייטער אויף אייביג.

### וָואס מֵיינְט דָאס אַ 'בֵּינוֹנִי'

**מֶען** קֶען זָאגְן אַז אַ בֵּינוֹנִי מֵיינְט נִישְׁט נָאר אַ מֶענְטְשׁ וָואס הָאט טֶעכְנִישׁ הַאלְבּ מִצְוֹות אוּן הַאלְבּ עֲבֵירוֹת, נָאר אַ בֵּינוֹנִי אִיז אַ מַהוּת פוּן אַ מֶענְטְשׁ וָואס שְׁלָאפְט אַדוּרְךְ זַיינֶע יָארְן אוּן עֶר הָאט נִישְׁט קַיין שְׁאִיפוֹת אוּן רְצוֹנוֹת זִיךְ צוּ דֶערְהֵייבְּן אִין עֲבוֹדַת ה', אוּן עֶס אִיז אִים גוּט דָארְט וְוִי עֶר שְׁטֵייט אוּן וְויאַזוֹי עֶר זֶעהְט אוֹיס, אוּן עֶר גֵייט אַרִיבֶּער זַיינֶע יָארְן אָהְנְדֶעם וָואס עֶר זָאל צוּלֵייגְן קָאפּ, אוּן עֶר אִיז מְקַיֵּים דִי מִצְוֹות 'וֵוייל יֶעדֶער טוּט אַזוֹי', אוּן אַזוֹי אוֹיךְ מַאכְט זִיךְ כְּסֵדֶר אַז עֶר לָאזְט אוֹיס מִצְוָה'לֶעךְ אוּן עֶר פַאלְט דוּרְךְ מִיט עֲבֵירָה'לֶעךְ. אוּן לְמַעֲשֶׂה קוּמְט אוֹיס אַז עֶר הָאט הַאלְבּ מִצְוֹות אוּן הַאלְבּ עֲבֵירוֹת, וַוייל עֶר אִיז דָאךְ נִישְׁט קַיין צַדִּיק וָואס הָאט מַקְדִּישׁ גֶעוֶוען זַיין לֶעבְּן פַאר עֲבוֹדַת ה', אוּן עֶר אִיז אוֹיךְ נִישְׁט קַיין רָשָׁע וָואס טוּט שְׁטֶענְדִיג עֲבֵירוֹת בְּמֵזִיד.

**אוּן** לְמַעֲשֶׂה קוּמְט אוֹיס אַז אַ בֵּינוֹנִי אִיז נִישְׁט אַ מֶענְטְשׁ וָואס אִיז אַ הַאלְבֶּע צַדִּיק אוּן אַ הַאלְבֶּע רָשָׁע, נָאר אַ בֵּינוֹנִי אִיז אַ מִין מֶענְטְשׁ פַאר זִיךְ. אוּן מִיט דֶעם אִיז פַארֶענְטְפֶערְט דִי קַשְׁיָא פוּן דֶער פְּנֵי יְהוֹשֻׁעַ בְּשֵׁם דֶער רִי"ף, פַארְוָואס מֶען דַארְף הָאבְּן אַן עֶקְסְטֶערֶע סֵפֶר פַאר דִי בֵּינוֹנִים, וַוייל בִּמְצִיאוּת אִיז עֶר נִישְׁט קַיין צַדִּיק אוּן נִישְׁט קַיין רָשָׁע, נָאר אַ זַאךְ פַאר זִיךְ, אוּן דֶערִיבֶּער קֶען מֶען אִים נִישְׁט פַארְשְׁרֵייבְּן – נִישְׁט אִין דִי סֵפֶר פוּן דִי צַדִּיקִים אוּן נִישְׁט אִין דִי סֵפֶר פוּן דִי רְשָׁעִים.

**אַ גַאנְץ** יָאר קֶען זִיךְ דֶער בֵּינוֹנִי עֶרְוֶועקְן מִיט דֶעם אַז עֶר אִיז הַאלְבּ זַכַּאי אוּן הַאלְבּ חַיָּיב אוּן עֶר קֶען זִיךְ מַכְרִיעַ זַיין לְכַף זְכוּת מִיט אֵיין מִצְוָה. אָבֶּער אִין רֹאשׁ הַשָּׁנָה, דוּרְךְ דִי קוֹל פוּן דֶער שׁוֹפָר וָואס וֶועקְט אוֹיף דִי שְׁלָאפֶעדִיגֶע אוּן דְרִימְלְדִיגֶע בֵּינוֹנִים, אִיז נִישְׁט נָאר וָואס דֶער בֵּינוֹנִי קֶען מַכְרִיעַ זַיין לְכַף זְכוּת - זִיךְ אוּן דִי גַאנְצֶע וֶועלְט, נָאר דֶער בֵּינוֹנִי וֶוערְט עֶרְוֶועקְט אוּן עֶר ווִיל שׁוֹין נִישְׁט זַיין קַיין שְׁלָאפֶעדִיגֶער בֵּינוֹנִי, נָאר עֶר ווִיל זִיךְ בֶּאֱמֶת אוּמְקֶערְן צוּם בַּאשֶׁעפֶער אוּן זַיין אַן אֱמֶת'ער צַדִּיק אוּן עוֹבֵד ה' אוּן וֶוערְן פַארְשְׁרִיבְּן אִין דִי סֵפֶר פוּן דִי 'צַדִּיקִים'.

**מִיט** דֶעם קֶען מֶען פַארְשְׁטֵיין דִי וֶוערְטֶער פוּנֶעם הֵיילִיגְן רַמְבַּ"ם, אַז כָאטְשׁ וָואס אַ גַאנְץ יָאר טְרַאכְט דֶער בֵּינוֹנִי אַז דוּרְךְ אֵיין מִצְוָה קֶען עֶר זִיךְ מַכְרִיעַ זַיין לְכַף זְכוּת, אוּן דָאס הַאלְט אִים אָפּ פוּן צוּ וֶוערְן אַ גַאנְצֶע רָשָׁע, אָבֶּער עֶס אִיז אִים נִישְׁט גֶענוּג מְעוֹרֵר אַז עֶר זָאל מַקְדִּישׁ זַיין דָאס גַאנְצֶע לֶעבְּן פַאר עֲבוֹדַת ה', נָאר זִיךְ עֶטְוָואס צוּ הַאלְטְן הֶעכֶער דִי שְׁטַאפְּל פוּן כַּף חוֹבָה. אָבֶּער וְוִיבַּאלְד אִין רֹאשׁ הַשָּׁנָה וֶוערְן אַלֶע שְׁלָאפֶעדִיגֶע עֶרְוֶועקְט דוּרְךְ דִי קוֹל פוּנֶעם שׁוֹפָר, דֶערִיבֶּער "פִּירְן זִיךְ אַלֶע אִידְן, צוּ פַארְמֶערְן צְדָקָה אוּן מַעֲשִׂים טוֹבִים אוּן עוֹסֵק צוּ זַיין אִין מִצְוֹות אִין דִי טֶעג פוּן רֹאשׁ הַשָּׁנָה בִּיז יוֹם הַכִּיפּוּרִים נָאךְ מֶער וְוִי אַ גַאנְץ יָאר. אוּן אַלֶע אִידְן פִּירְן זִיךְ אוֹיפְצוּשְׁטֵיין בַּיינַאכְט אִין דִי צֶען טֶעג, אוּן מִתְפַּלֵּל צוּ זַיין אִין דִי בָּתֵּי כְּנֶסֶת מִיט דִּבְרֵי תַּחֲנוּנִים אוּן כִּיבּוּשִׁין (סְלִיחוֹת) בִּיז דִי טָאג שֵׁיינְט אוֹיף"[י].

---

י. און ווי דער רמב"ם ענדיגט צו **ונהגו כלם לקום בלילה בעשרה ימים אלו ולהתפלל בבתי**

**און** מִיט דֶעם קֶען מֶען אוֹיךְ פַארֶענְטְפֶערְן דִי קַשְׁיָא פוּן דֶעם הֵיילִיגְן פְּנֵי יְהוֹשֻׁעַ - פַארְוָואס מֶען עֶפֶענְט בִּכְלָל אוּם רֹאשׁ הַשָּׁנָה דִי סֵפֶר פוּן דִי בֵּינוֹנִים, וָואס שְׁרַייבְּט מֶען דָארְט אַרַיין, מִיר ווַייסְן דָאךְ אַז דִי דִין פוּן דִי בֵּינוֹנִים וֶוערְט עֶרְשְׁט פַארְשְׁרִיבְּן אוּן גֶע'חַתְמ'עט אוּם יוֹם כִּיפּוּר. נָאר ווַיבַּאלְד אִין רֹאשׁ הַשָּׁנָה בְּלָאזְט מֶען שׁוֹפָר, אוּן דֶעמָאלְטְס עֶרְוָועקְן זִיךְ דִי בֵּינוֹנִים, דַארְף מֶען אַרַיינְשְׁרַייבְּן אִין דִי סֵפֶר פוּן דִי בֵּינוֹנִים דִי נֶעמֶען פוּן אַלֶע בֵּינוֹנִים וָואס ווִילְן בֶּאֱמֶת תְּשׁוּבָה טוּעֶן אוּן זֵיי ווִילְן שׁוֹין נִישְׁט זַיין קֵיין בֵּינוֹנִים נָאר צַדִּיקִים גְּמוּרִים, אוּן זֵיי נֶעמֶען זִיךְ פָאר קַבָּלוֹת טוֹבוֹת אַז פוּן הֵיינְט אוּן ווַייטֶער וֶועלְן זֵיי שׁוֹין עוֹסֵק זַיין אִין עֲבוֹדַת ה' אָהְן קֵיין פַארְשְׁלָאפֶנְקֵייט נָאר מִיט אַן אֱמֶת'עַ אִינְטֶערֶעסֶע זִיךְ צוּ דֶערְנֶענְטֶערְן אוּן זִיךְ מְדַבֵּק זַיין צוּם בַּאשֶׁעפֶער דוּרךְ אַלֶע קְלֵיינֶע אוּן גְרוֹיסֶע מִצְווֹת, נִישְׁט נָאר לוֹיט ווִי עֶס פֶעלְט זִיךְ אוֹיס זִיךְ מַכְרִיעַ צוּ זַיין לְכַף זְכוּת.

**דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אַז מִיר זָאלְן אַלֶע זוֹכֶה זַיין אַרַיין צוּ גֵיין אִין דֶער סֵפֶר פוּן צַדִּיקִים גְּמוּרִים וָואס וֶוערְן בַּאלְד בַּאשְׁרִיבְּן לְחַיִּים טוֹבִים וּלְשָׁלוֹם, מִיר זָאלְן אַלֶע הָאבְּן אַ גוּטֶע זִיסֶע גֶעבֶּענְטְשְׁטֶע יָאר, "תְּהֵא שָׁנָה טוֹבָה" [בְּגִימַטְרִיָּא תשפ"ג], אָנְגֶעפִילְט פוּן שִׂמְחָה אוּן פְרֵייד, מֶען זָאל נִישְׁט הֶערְן קֵיין שׁוּם צַעַר בֵּיי כְּלַל יִשְׂרָאֵל אוּן דֶער גּוֹאֵל צֶדֶק זָאל אוּנְז בְּקָרוֹב אוֹיסְלֵייזְן "וְשֶׁיָּבוֹא הַמֶּלֶךְ הַמָּשִׁיחַ [בְּגִימַטְרִיָּא תשפ"ג] אוּן מִיר זָאלְן אַלֶע זוֹכֶה זַיין צוּ אַ כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה, אוּן צוּ אַ שְׁנַת גְּאוּלָה וִישׁוּעָה, בְּמוֹצָאֵי שְׁבִיעִית בֶּן דָּוִד בָּא.**

---

**כנסיות בדברי תחנונים ובכבושין עד שיאור היום** צוליב דעם פירט מען זיך צו אויפשטיין פרי אין מרבה זיין בתפלה ביז אינדעפרי, דאס מיינט אפלו די וואס שטייען אייביג אויף פרי דארפן זען אין די טעג צו אויפשטיין נאך פריער, אפילו פאר אסאך מענטשען איז דער אויפשטין אינדעפרי גאר א שווערע נסיון, דער יצר הרע קומט יעדער טאג מיט א פרישער תירוץ פארוואס מען דארף "נאך אביסל" שלאפן, און עס קומט אן זיער שווער, דאך ווייזט מען מיט דעם פאר השי"ת אז מען "שטרענגט" זיך אביסל אן אויפצושטיין פריער ווי געווענליך, דער עיקר איז אז אין די טעג זאל מען דינען השי"ת שטערקער און בעסער ווי א גאנץ יאר.

עס ווערט דערציילט אויף דער צאנזער רב זי"ע אז א גאנצע יאר פלעגט ער שלאפן קוים צוויי שעה אין א מעת לעת, אבער אין די הייליגע טעג פון אלול תשרי פלעגט ער זיך אראפ לייגן פאר א האלבע שעה, און דאס איז געווען געווען גענוג פאר אים זיך צו האלטן אויף א גאנצע מעת לעת, דאס מיינט נישט אז ער האט נאר געדארפט א האלבע שעה'דיגע שלאף, ווייל ווען יא וואלט ער אויך נאר געשלאפן א גאנצע יאר, א האלבע שעה א נאכט, נאר דאס קומט אונז לערנען דער וויכטיגקייט פון טון מער און זיך מער אוועק געבן פאר השי"ת ווי געווענליך אין די טעג, אפילו ביי צדיקים פאסט אויך דער ענין פון זיך מער אנשטרענגן אין די טעג.